STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09230

MAYN SHIR HA-SHIRIM

Yosef Papyernikov

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף פאַפּיערניקאָוו

*

מיין שיר השירים

י. פּאַפּיערניקאָוו

מיין שיר השירים

(לידער פון ליבשאפט)

צווייטע פארגרעסערטע אויפלאגע

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
1966

J. PAPIERNIKOW

MEIN SHIR HASHIRIM

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
מ ר י ם און ד ו ד ו ו י י ס
קאַראַקאַס — ווענעזועלאַ

נ ד פ ס ב י ש ר א ל
Printed in Israel

ציכענונג: מ ש ה ב ע ר נ ש ט י י ן

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

צו דער צווייטער אויפלאגע פון „מיין שיר השירים"

„אין אַ צייט ווען שינאה איז דאָס דאָמינירנדיקסטע געפיל אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז מיר אויסגעפאַלן אַרויסצוטראָגן פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס יונגסטע און דאָס אייביקסטע ליד אין דער דיכטונג: דאָס ליבעליד, דעם שיר השירים.

מיין שיר השירים איז אָבער נישט קיין להכעיס־שפּיל מיט דער אומ־פּאָעטישער, פאַרווילדעוועטער צייט — הגם עס וואָלט געווען באַרעכטיקט אויך דעם להכעיס." —

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן מיין קורצער הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע פון מיין לידערבוך „מיין שיר השירים", וואָס איז מיט דער מיטהילף פונעם ניו־יאָרקער יידישן פען־קלוב דערשינען אין תל־אביב, אין יאָר 1953.

שרייבנדיק די צווייטע הקדמה צו מיין צווייטער פאַרגרעסערטער אויפלאַגע פונעם זעלבן בוך, האָב איך, ליידער, גאָרנישט וואָס אָראָפּ־צונעמען פון דעם וואָס איך האָב געשריבן אין דער הקדמה צו מיין ערשטער אויפלאַגע — מחמת ס'האָט זיך פאַר דער צייט גאָרנישט געענדערט צום בעסערן. פאַרקערט: די דרייצן פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן דעם דיכטערס ליד נאָך טיפער ווי ווען־עס־איז, פאַררוקט אין שאָטן פון אַ גייסטיק און מאָראַליש־אויסגעהוילטער געזעלשאַפט, וואָס האָט פאַר־לוירן דאָס אוממיטלבאַרע, דאָס געזונטע געפיל און פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ וואָס איז נאַטירלעך, פּשוט און שיין און, זי שפּייזט זיך מיט קונסט־סוראָגאַטן, מיט וועלכע זי פילט אויס די אינערלעכע פוסטקייט און לאַנגווייל.

יאָ, אין אַ צייט ווען די „ביטלס" אויף אַלע קונסט־געביטן האָבן שוין פאַרכאַפּט באַלד די גאַנצע וועלט — אין אַזאַ צייט דאַרף מען באמת האָבן מוט צו קומען צו דער עפנטלעכקייט מיטן שטילסטן אינטימסטן ליד: מיטן ליבעליד.

י. פ.

א

1941 — 1930

ביים ברונעם פון ליבשאפט

ד ע ר   א ו מ ג ע ק ו מ ע נ ע ר
א ל י ש ב ע   ל ע ו ו ק אָ ו ו י ט ש

ווי אַ פאַרוווּנדעטער זעלנער פון שלאַכטפעלד —
בין איך געקומען דיך בעטן אַ טרונק פון דיין ברונעם,
אַ ביסעלע אָפּרו ביי דיר אויף דיין זוניקער שוועל.

פון ווייטנס געזען ווי דיין הויז באָדט אין ליכט זיך,
און דיך — אין דער אָפענער טיר פון דערוואַרטונג,
געזען ווי דיין עמער הענגט איבערן ברונעם
און וואַרט, אַז מען זאָל אינדערטיף אים אַראָפּלאָזן —
בין איך דערגאַנגען אַהער — דיך צו בעטן
אַ טרונק און אַן אָפּרו ביי דיר אויף דער שוועל.

ווען כ'עפן באַגינען די אויגן, ווי לאָדן פון פענצטער,
איז ס'ערשטע ליכט, וואָס פאַלט אין זיי אַריין —
דיין ליכט.

ווען דער שלאָף איז נאָך פון מיינע וויעס נישט אַראָפּגעפאַלן —
ביסטו וואַך שוין, וואַך אין מיר.

מיין ערשטער געדאַנק וואָס לויפט־אָן מיטן טאָג,
ווי אַ הירש קעגן זוניקן אויפגאַנג —
ביסט דו.

דאָס לעצטע וואָרט וואָס פאַלט פון מיינע ליפּן,
ווי אַ פרוכט אין סאָד אין נאַכט אין שפּעטער,
איז — דיין נאָמען.

דיין הויז ווי דו ווינסט, איז אַ ליכטיקע שיף
אויפן פינצטערן ים פון מיין אומעט־לאַנד...

כ׳ווייס נישט צו וואָס פאַראַ ברעג זי וועט צו,
און צו וואָס פאַראַ האַפן — פאַראַנקערן...

ס׳הויז ווי דו ווינסט, איז אַ ליכטיקע שיף;
נעם מיך אויף, נעם מיך אויף,
לאָז מיך דינען אין איר!
לאָז מיך טראָגן די לאַסט,
לאָז מיך זיין דיין מאַטראָס,
לאָז מיך הייצן און היטן דאָס פייער אין איר...

כ׳האָב פאַר כוואַליעס קיין שרעק,
כ׳בין צו שטורעמס געוווינט,
וועט זי טרענקען —
פאַרלאָז איך דער לעצטער די שיף...

כ׳קאָן דיין גאָרטן־טירל נישט געפינען אויף אַרויס,
כ׳בין אין דער געדיכטעניש — אין שפּינגעוועב — אַ פליג,
וויפל כ׳זאָל נישט זוכן, בלייב איך שטיין אַלץ פאַר דיין הויז,
קום אַזוי כסדר אויפן זעלבן אָרט צוריק.

ס׳נאַרט מיך יעדער בוים ביי דיר, ווי כ׳וואָלט געווען אין וואַלד,
ס׳לאָקט און ס׳ציט אין שאָטן וווּ עס שמעקט מיט גרינעם מאָך,
און מיר דאַכט זיך, אַז איך זע דיך אינדערטיף צעשטראַלט —
גיי איך, ווי עס גייט דיין הונט, נאָך דיינע שפּורן נאָך...

אפשר וואָלסטו מיך אַליין צום טירל צובאַגלייט
און געוויזן מיר דעם וועג, וואָס פירט פון דיר אַרויס ?!
ס׳האָט זיך ווי אין כישוף־קרייז מיין קאָפּ ביי דיר פאַרדרייט —
דריי איך זיך כסדר אָט אַזוי אַרום דיין הויז...

דאָס שיפל — אָפגעבונדן — גרייט!
קום, זעץ דיך איין,
און איך — נאָך דיר,
צוויי רודערס — מיר,
צוויי רודערס — דיר,
צוזאַמען וועט אונדז גרינגער זיין,
ווי גרינג און לייכט עס פאַלן רייד,
ווען ס'איז אַן אויער דאָ וואָס הערט,
אַ האַרץ, וואָס פילט,
אַן אויג, וואָס טרערט,
אַ מויל, וואָס טרייסט דיך שטומערהייט
און פליסטערט: מיין — — —
קום, זעץ דיך איין,
צוזאַמען וועט אונדז גרינגער זיין...

אין האַלבער נאַכט
פאַרלאָז איך דאָס געלעגער פון דער האַרטער וואָר
און לאָז אין חלום זיך אַוועק צו דיר,
צו דיין געצעלט,
וואָס פאָכעט ווי אַ טייבעלע אַ ווייס אַנטקעגן מיר,
און שווימט אין בלאָקייט, ווי אַ זעגלשיף —
אין מיטן פון דער וועלט.

און גוט איז מיר ביי דיר —
ווייל אין אַ צעלט איז נישט פאַראַן קיין טיר,
און נישט קיין שוועל אויף אָפּקלאַפּן דעם שטויב; —
פאַראַן אַן עפענונג ווי אין אַ טויבנשלאַג,
און אין טויבנשלאַג — נאָר דו — די שטילע טויב,
וואָס שלאָגט מיט וואַרעמקייט
און פירט מיך, נישט גערעדט,
מיט ציטעריקער פרייד —
אויף אָפּרו, צו צום בעט,
און זאָגט מיר מיטן בליק,
אומשולדיק, נישט געשעמט,
אַז: ס'דאַרף קיין אמת גליק
אַפילו נישט קיין העמד...

איך וואָלט מיט פאַרבונדענע אויגן געטראָפן צו דיר —
אַזוי איז דער וועג מיר שוין נאָענט און וואַרעם באַקאַנט;
איך בין אַ פאַרליבטער נישט איינמאָל געגאַנגען אויף אים
לונאַטיש, ווי עמעצער וואָלט מיך געפירט פאַר דער האַנט.

ווען כ׳וואָלט נישט דערזען דיך — דערקענט וואָלט איך דיך
אָן דיין שטים,
ווען כ׳וואָלט נישט געהערט דיך — וואָלט איך דיך זיכער דערפילט;
ביסט די, וועמען איך האָב געשטאַלטיקט אין חלום ביי מיר,
און האָב ביז צו נאַקעטער וואָר, זי איינגאַנצן אַנטהילט.

מיין וועג צו דיר — דער לעצטער אויף די וועגן,
ס'געצעלט דיינס — ס'לעצטע וואַרעמע געצעלט,
און דו — די לעצטע וועמען איך באַגעגן
ביים סוף וועלט.

נאָך דיר איז: ליידיקייט,
נאָך דיר איז: חלול בלויז,
ווי קאָן איך ווייטער גיין?
ווי קאָן איך גיין צוריק? —
אַז כ'האָב אין איינזאַמקייט
שוין לאַנג פאַרלאָזט דאָס הויז,
ווּ ס'האָט אויף מיר געוואַרט אַ האָק, און אויפן האָק — אַ שטריק.

ווי קאָן איך גיין צוריק
אַזאַ פאַרגאַנגען וועג?
ווי קאָן איך אָנהייבן
דערציילן פונעם סוף, —
פונוואַנען כ'קום צו דיר
און ברענג דיר מיינע טעג,
ווי רעשטלעך פון אַ טרויעריקער שטומע סטאַדע שאָף.

מיין וועג צו דיר — דער לעצטער אויף די וועגן,
ס'געצעלט דיינס — ס'לעצטע וואַרעמע געצעלט,
און דו — די לעצטע וועמען איך באַגעגן
ביים סוף וועלט.

כ'האָב ס'לשון פֿאַרלוירן ביי דיר אין דיין הויז,
און — פֿאַרשטייסט מיך נישט מער...

און ווי דו — אַזוי איך, אַזוי אַלע ווי איך,
ווען זיי זענען פֿאַרליבט —
איז אַ ציטער — מיין וואָרט,
זענען קלאַנגען — די רייד,
און מיין שפּראַך איז געזאַנג,
וואָס גייט־אויף פונדערטיף,
ווי עס ריזלט מיין קוואַל
און איז דורשטיק נאָך דיר.

כ'האָב באַטרינקען געוואָלט מיט מיין וואַנזין, אויך דיך, —
ווי אַ רעגן אין תמוז — די פּרוכטבאַרע ערד,
און ווען ס'מויל מיינס איז שטום
און עס דונערט מיין האַרץ —
זאָל דאָס לייב דיינס, דאָס נאַקעטע, בליצן פֿאַר מיר,
ווי אַ פעלד אין אַ הייסן געוויטער ביינאַכט,
און דיין אויג זאָל נישט קוקן אויף מיר אַזוי גרויס
און צעשראָקן, ווי ס'אויג ביי דער סאַרנע אין וואַלד...

כ'האָב ס'לשון פֿאַרלוירן ביי דיר אין דיין הויז,
און — פֿאַרשטייסט מיך נישט מער.

אַלץ וואָס דערמאָנט מיך אָן דיר — האָב איך ליב:
אַ קלאַנג פון אַ שטים, אָדער פאַרב פון אַ קלייד —
קאָן לייכט מיך גענאַרן, כ׳זאָל מיינען — ס׳איז דיין
און פילן אַ יום־טובדיק וואַרעמע פרייד...

אַלץ וואָס דערמאָנט מיך אָן דיר — האָב איך ליב.
דיר — ענלעכע, רופן מיין בענקשאַפט אַרויס,
כ׳האָב ליב דיינע נאָנטע, אַפילו דיין הונט,
וואָס לאָזט מיך אַ בייזער נישט צו צו דיין הויז...

כ׳האָב היינט אין גאַס געזען אַן ענלעכע צו דיר
און, ווי אַ שטיין אין וואַסער — האָט אַ שלאָג־געטאָן אין מיר,
די שטילקייט האָט באַאומרואיקט צעוויגט זיך אין מיין בלוט,
און כ׳האָב דערפילט אַ היץ, ווי פון אַ פייערדיקער רוט.

און כ׳בין אַליין נישט ווּיסנדיק ווי לאַנג און ווי אַזוי —
פון הינטן נאָכגעגאַנגען נאָך דער אומבאַקאַנטער פרוי,
געגאַנגען אַ געבונדענער נאָך אירע שוואַנענטריט,
און נאָכגעטראָגן שאָטנדיק דעם ציטער פון אַ ליד.

נאָר פּלוצעם האָט זי אומגעריכט פאַר מיר, זיך אָפּגעשטעלט,
צו מיר זיך אויסגעדרייט, און מיט אַ בליק, ווי מען באַפעלט —
אַ קוק־געטאָן אויף מיר אַזוי, און — כ׳בין געבליבן שטיין,
ווי ס׳בלייבט אַ הונט, ווען ס׳לאָזט דער באַלעבאָס נאָך זיך
נישט גיין...

כ׳האָב ווייט איר נאָכגעקוקט ; געזען ווי זי פאַרשווינדט :
אַ וואָלקנדל אַ בלאָס, וואָס ווערט געטראָגן פונעם ווינט ;
און כ׳האָב אַ גאַנצן טאָג געזוכט וואָס, און געקלערט פון איר —
די שטאָלצע, מאַיעסטעטישע, די ענלעכע צו דיר.

ס׳ציט צו דיר דורך מדבר־וועג
אַ לאַנגער קאַראַוואַן פון מיינע טעג,
ווי קעמלען אָנגעלאָדענע מיט אוצרות לאַסט פון ליבע;

בענקשאַפט פירט דעם צוג און רייט פאָראויס,
און טראָגט דאָס האַרץ אַנטקעגן זון צעפלאַמט,
דער אומעט קוקט אין ליכט די אויגן אויס,
און שאָטנט אויפן העלן ים פון זאַמד.

דורשט ציט אויס דעם האַלדז, פאַררייסט דעם קאָפּ
און דרייט מיט אים און זוכט אין יעדער זייט,
די שטילקייט לאָזט זיך אויף די קני אַראָפּ,
און שיקט אַוועק אַ תפילה אינדערווייט.

ס׳ציט צו דיר דורך מדבר־וועג
אַ לאַנגער קאַראַוואַן פון מיינע טעג,
ווי קעמלען אָנגעלאָדענע מיט אוצרות לאַסט פון ליבע.

ס׳איז ליידיק געוואָרן דער האַפן, ווען האָסט אים פאַרלאָזט,
אַ שיף נאָך אַ שיף האָט אַ רעוועגעטאָן און אַוועק,
און ווי צו באַרואיקן — האָט אויף מיר וואַרעם געבלאָזט
אַ ווינטל אַ פרעמדס, אויפן ליידיק־געוואָרענעם ברעג...

די שטאָט הינטער מיר האָט ווי איך — אינדערווייט דיך באַגלייט
מיט שויבן פון שקיעה צעפלאַמט, ווי די אויגן ביי מיר,
באַגלייט, און — געזען ווי די זון אַ צעגליטע פאַרגייט,
פאַרגייט, און דיין שיף אין דער זון — איז פאַרגאַנגען מיט איר...

ווען ס׳האָט, ווי אין רויך, מיך דער אָוונט פאַרנעפּלט, פאַרבלאָט,
געהאַלדזט, און אין טרויער געפירט פונעם האַפן צוריק, —
געדאַכט האָט זיך מיר, אַז כ׳האָב ליידיק געפונען די שטאָט,
ווי הינטערן שונא׳ס פאַרברענטער, צעריסענער בריק...

צי דו ווילסט, אָדער נישט —
ביסטו מיין, נישט באַצוווּנגענערהייט ;
דו באַלעבסט מיך פון ווייט, —
כאָטש דער ים האַלט אונדזביידן צעשיידט.

פונעם ווינט קעגן זון —
יאָגט דיין וואַרעמער אָטעם אויף מיר,
און אין ברי פון דער ערד —
פילט דאָס לייב מיינס, דיין הייסן באַריר.

צי דו ווילסט, אָדער נישט —
זאָרגסטו, ס'זאָל מיר נישט זיין אַזוי שלעכט
און, באַוואַכסט מיינע טעג,
און באַשלאָפסט, ווי אַ ווייב, מיינע נעכט,

און אין איינזאַמען גאַנג —
הער איך קלאַפּן דיין האַרץ אין מיין טראָט,
און איך זע דיך אַזוי,
ווי אַ הייליקער זעט אין אַלץ — גאָט.

ווייזט אויס, אַז ביסט מיין לעצטע ליבע שוין אַוודאי,
אַזוי פלאַמט־אויף אין לאָמפּ, צום אויסגיין שוין, דער קנויט ;
ווייזט אויס, אַז כ׳זינג דיר איצט מיין לעצטע סערענאַדע,
אויף וועלכער ס׳וועט נאָר ענטפערן די שטילקייט פונעם טויט.

אַזוי ווי איצט אין מיר — גייט־אויף אין שטורעם נאָר אַ שוים
אויף כוואַליעס אָנגעטראָגענע, זיך שלאָגן קאָפּ אָן ברעג ;
אַזוי ווי איצט אין מיר — צעבליט זיך אומגעריכט אַ בוים
פון וועמען ס׳איז דער פרילינג, נישט צו קומען מער — אַוועק.

מיין שיכרות איצט, איז פונעם לעצטן ביסל ליבע־וויין,
וואָס רוישט, באַרוישט, און לייגט אַ לייב אַוועק אַפילו קראַנק ;
אַ שריפה, אָט ווי איצט אין מיר, קאָן נאָר אין שקיעה זיין,
און ס׳ליכט אין מיינע אויגן איצט, איז נאָר פון אונטערגאַנג.

ווייזט אויס, אַז ביסט מיין לעצטע ליבע שוין אַוודאי,
ווייזט אויס, אַז כ׳זינג דיר איצט מיין לעצטע סערענאַדע.

ביסט דורך דורך מיר,
ווי אַ ווינט דורך אַ וואַלד,
און איבערגעלאָזט מיר —
אַ האַרבסטיקן רויש,
און אַ גאָלדענעם אומעט
פון בלעטער, וואָס פאַלן,
ווי אונטערגעשאָסענע פייגל פון בוים;
און איבערגעלאָזט מיר —
אַ בענקשאַפט אַזאַ,
וואָס לויפט אויף פאַראויס,
ווי אַ הונט לויפט אויף יאַגד;
און אַ נעפּל אַ בלאָען,
וואָס פאַלט ווי דער טוי
און, פאַרהויכט און, באַפּערלט
מיט פייכטקייט — דאָס אויג.

ווייל כ׳טראַכט פון דיר און קוק דיך אויס
אין ליכט פון לאַנגע טעג אָן סוף —
באַווייזטו זיך אין חלום בלויז,
און כ׳זע דיך יעדע נאַכט אין שלאָף.

און גוט איז מיר ביינאַכט דערפאַר,
כאָטש ס׳ווייזט דער חלום דיך, נישט קלאָר,
נאָר גרויסע ליבע מאַכט צו נאַר,
און כ׳מיין, אַז כ׳זע דיך אויף דער וואָר.

וואָס ס'איז געווען צווישן אונדז — איז געווען,
נאָר קום מיר צו חלום און לאָמיך דיך זען,
זאָל זיין, ווי אין נעפל, פאַרווישט און נישט קלאָר,
אַזוי ווי געווען ביסטו אויך אויף דער וואָר;

כ'וויל פילן דיין אָטעם, דיין ריח פון וואַלד;
כ'וויל הערן דיין שטים, וואָס איז פול מיט פאַרלאַנג;
כ'וויל כאַפּן דיין בליק, ווי דעם שטערן וואָס פאַלט
מיט אויפבליץ פון העלסטן און שנעלסטן פאַרגאַנג.

וואָס ס'איז געווען צווישן אונדז — איז געווען,
נאָר קום מיר צו חלום און לאָמיך דיך זען,
זאָל זיין, ווי אַמאָל, ווען איך האָב דיך ביים ראַנד
פון אָפּגרונט, נישט איינמאָל דערכאַפּט פאַר דער האַנט...

האָסט פלוצעם אויפגעלעבט אין מיין זכרון,
און אין האַרץ — זיך אויפגעוועקט, דערוואַכט,
און מיר איז ליכטיק מיטאַמאָל געוואָרן,
ווי פון לעצטן זונפאַרנויג, פאַרנאַכט.

ס'איז ליכטיק מיר געוואָרן, אָבער — באַנגיק,
ווי ס'איז יעדער אויפבליץ און פאַרגאַנג,
וואָס לאָזט נאָך זיך, אין האַרץ, אַ הונדערט־קלאַנגיק
נישט־פאַרענדיקט ליד — אַ לעבן־לאַנג.

וויפל וואַסערן — פון יענער צייט שוין אָפּגעפלאָסן ? !
וויפל טייכן — שוין אַריינגעפאַלן אין די ים'ען ? !
וויפל האָבן מענטשן, בלוט פון יענער צייט פאַרגאָסן ? !
וויפל שטורעמס — ביימער אויסגעוואָרצלט מיט די שטאַמען ? !

וויפל, זענען איבער מיר פון דאַן פאַרגאַנגען זונען ? !
וויפל ספקות, ווי די רויבפייגל — מיין האַרץ געפרעסן ? !
וויפל, זענען נאָענטע — פון יענער צייט אַנטרונען
אין פאַרגעסנקייט ! און דיך ? ווי קאָן מען דיך פאַרגעסן !

ביסט מיט טויזנט וואַלד־ריחות אַריין מיר אין די בלוטן —
ווען צו „פאַן" האָט אונדז געברענגט דער רוף פון פאַסטעכס האָרן,
און כ'דערמאָן און וועל דערמאָנען אייביק דיך צום גוטן,
ווי ס'איז גוט צו האָבן דיך אַפילו אין זכרון.

וויפל צייטן זענען צווישן אונדז שוין דורכגעגאַנגען,
ווי די שווערע שלעפשיפן באַלאָדענע מיט טרויער !
טרויער, ווען אַפילו ס'הערן זיך פון זיי געזאַנגען,
לידער, ווי צו דיר דאָס ליד פון בענקשאַפט און באַדויער.

ב

1948 — 1942

צו אַ מיידל

זוכסט אַ שאָטן, מיידל? —
זעץ דיך נעבן מיר...

ס'קומט זעלטן צו די זון צו מיר
אין קאַלטן פעלזן־ווינקל
פון מיין לעבן.

ס'האָט נישט איינע אָפּגערוט שוין
ביי דעם שטילן אומרו
פון מיין קוואַל...

נישט איינע האָט איר שווערן בליק
אַראָפּגעלאָזט צו מיר אין אויג,
און פאַרלוירן אים,
ווי אַן אָפּגעבונדן פולן עמער
אין אַ טיפן ברונעם...

און נישט איינע איז אַוועק פון מיר
מיט ווינטיק־נאָכגעלאָזטע טריט,
און ווי אַ זעגל — אָפּגעשווומען
פונעם האַרטן ברעג
אין ים אין פרייען...

זעץ דיך, מיידל,
זעץ דיך נעבן מיר!...

זי...

איז זי עס אפשר די, אויף וועלכער כ'האָב געוואַרט?
איז זי עס אפשר די, וואָס האָט דערוואַרט אויך מיך?
און —ביידע, האָבן מיר געוויאַניעט און געדאַרט,
און וואַרטנדיקע, דורשטיקע — אַריינגעבליט אין זיך.

איז זי, די שטילקייט אפשר, וועלכע האָט דערהערט
דעם ווייַ־געשריי פון מיין נאָך־נישט געבוירן ליד?
איז זי עס די, וואָס גאַרט ווי איך, ווי ס'גאַרט די ערד
נאָך טוי, נאָך אַקערשאַרף, נאָך זריעה און נאָך שניט.

ס'איז זיכער זי, ווען נישט — פאַרוואָס פאַרלירט זי זיך,
ווען זי געפינט מיך אומגעריכט, ווי נישט געזוכט,
און ציט אַריין אין אומרו אירן, אויכעט מיך,
און בייגט מיך ווי אַ צווייג מיט לאַסט פון פרוכט...

אויפגעוועקט

האָסט אויפגעוועקט אין מיר די יוגנט פון דאָסניי,
און ווידער האָב איך ליב און בין פאַרליבט — אין דיר,
און כ'האָב אויפסניי דערפילט דעם רייץ פון חודש מיי,
כאָטש ס'פייפן האַרבסטיק־קאַלט די ווינטן הינטער מיר.

האָסט אויפגעוועקט אין מיר אַזאַ פאַרשטומט געזאַנג,
אַ ליד אַזאַ, וואָס כ'האָב שוין ווי פאַרגעסן באַלד,
איצט וויגט עס זיך אין מיר מיט טויזנט גלעקער־קלאַנג
און הילכט, ווי ס'וואָלטן האָרנס, וועלדער דורכגעשאַלט.

האָסט אויפגעוועקט אין מיר, וואָס ס'האָט שוין ווי פאַרבליט,
און ס'איז געשעןביי מיר אַ וואונדער, ווי אַ נס:
אין ווינטער אינעם פראָסטיקן, אויף מיין פאַרשנייט געמיט, —
צעבליט האָט זיך אַ בלאָער און פיאָלעטער בעז...

אין אַ נאַכט אַזאַ...

רעגינע מאָטיל — מרגלית
אַ מתנה

אין אַ נאַכט אַזאַ —
אַ נאַכט, ווען קרומע דעכער און דעכלעך
גלאַנצן ווי זילבערנע טייכלעך אין חלום,
שפּיגלען זיך אָפּ מיט אַ בליאַסק אין די שויבן,
וואָס קוקן לונאַטיש אַרויס צו די וועגן —
קוק איך אויס איינע, וואָס טראָגט אין די אויגן
היילונג צו קראַנקען־געלעגערס
און — קומט נישט...

אין אַ נאַכט אַזאַ —
ווילט זיך מיר אָפּבינדן די שיפלעך
פון די שטומע, שווייגנדיקע ברעגעס פון צער,
און לאָזן זיי פאַרפולט מיט איינזאַמקייט,
אויף די איינגעהאַלטן שטומע וועלן
פון מיין פאַרחלשט געזאַנג...

אין אַ נאַכט אַזאַ —
ווילט זיך מיר טונקען די פעדער
אין שטראַליקן לבנה־ליכט,
און ווי אַ בלינדער — שרייבן מיט איר
אויף אַלע געפאַלענע שאָטנס
פון הייזלעך, לאַמטערן אוןביימער, —
דעם נאָמען פון דער ערשטער פרוי
פון גאָטס באַשאַף.

אַ הימען

וועלט־באַזינגער!
זינגפייגל אין וואַלד!
מיט גאָלדענע פרימאָרגן־טרעלן
דורכגעשטראַלט,
און דורכגעזוניקט דורך אַ וואַלד
מיט שטימען —
זינגט מיט מיר:
אַ לויב דיר, גאָט, פאַר דיין באַשאַף,
אַ לויב!
און איר — אַ הימען!

גוט איז דעם וואָס איז איר שקלאַף
און, שטייט ביי אירע שוועלן;

ווײַל איז דעם, וואָס קאָן זיך ביי איר ליכט —
אין שאָטן שטעלן;

גוט איז יענעם —
וועמען עס באַרירט איר זוים פון קלייד;

און ווײַל איז יענעם —
וועמען זי באַערט מיט אירע רייד;

ס'איז גליקלעך דער —
אויף וועמען ס'פאַלט איר מאָרגנשטערן־בליק;

און איבערגליקלעך —
דער, וואָס שטאַרבט אין אירע ווענט, פאַר גליק...

אַדורכגעשטראַלט
און דורכגעזוניקט דורך אַ וואַלד
מיט שטימען —
זינגט מיט מיר:
אַ לויב דיר, גאָט, פאַר דיין באַשאַף,
אַ לויב!
און איר — אַ הימען!

צו איינער מיט דורשטיקע אויגן

הימלען שאַרלעך־רויטע פון סאַהאַראַס ווינטן,
ברענענדיקע זאַמדן, ווי פאַרטרוקנט הייסע גומענס,
וווּ־נישט־וווּ — אַ ליידיקער געפּלאַצטער עמער, —
דאָס, דערמאָנען מיך די אויגן דיינע.

מיט אַזעלכע אויגן — פירט מען קעמלען
מיט די העלדזער הויך פאַרריסן צו די ווייטן,
וווּ זיי ציען, ציען אָן אַן אויפהער,
קאַראַוואַנען — טעג און נעכט דורך מדבר.

מיט אַזעלכע אויגן — טרייבט מען אייזלען
פונעם דאָרף אין שטאָט, פון שטאָט — אין דאָרף —
באַלאָדענע מיט שווערע לאָגלען וואַסער,
און צעשריגענע פון ברענענדיקן דורשט.

מיט אַזעלכע אויגן — גייען פרויען
באָרוועסע, האַרט־ברוסטיקע און גלייכע,
מיט בראַסליעטן אויף די הענט און פיס,
אַליין ווי קרוגן — מיט דער קרוג צום ברונעם.

נאָך אַזעלכע אויגן פלעג איך נאָכגיין —
מויל און אויג און אויער ברייט געעפנט,
ווי אין דער פאַרחלשטקייט און וויסטקייט
וואָלט אַ שלאָגנדיקער קוואַל מיך וווּ גערופן.

פּאָרטרעט פון אַ מיידל

שלאַנק, גראַציעז און בויגזאַם — אַ בעריאָזע
וואָס באַוועגט זיך פונעם לינדסטן ווינט ;
פילבאַר, לייכט און צאַרט, ווי אַ מימאָזע,
רייף — אַ פרוי שוין, און דערביי — נאָך קינד.

ווי פון סקולפּטאָרס האַנט אַרויס — איר קעפּל,
און די אויגן : גרויסע טייכלעך צוויי —
קלאָר און לויטער, ווי עס וואָלט קיין נעפּל
קיינמאָל נישט געהאָנגען איבער זיי...

און דאָס פּנים, ווי ביי אַ מאַדאָננע —
שמייכלט, שמייכלט שטענדיק, גוט און זאַכט,
מיט דער רואיקייט פון אַ לבנה
איבער אַלע וועגן פון דער נאַכט.

רעדט זי — ציט זי פּערל אויף, אויף שנירלעך,
שווייגט זי — שטראַלט פון איר באַהאַלטן גאָלד,
וואָס איז וואַרעם, זוניק, אומבאַרירלעך,
ווי דאָס בילד, וואָלט גאָט אַליין געמאָלט.

כ׳וואָלט וועלן...

כ׳וואָלט וועלן זאָלסט בלייבן מיט מיר און ביי מיר,
נאָר כ׳רעד דיך נישט צו;
אין מיינע פיר ווענט איז קיין זיכערס נישטאָ,
מיין אָרעמע, דו!

אין מיינע פיר ווענט האָט דער טרויער זיין נעסט,
דער טרויער, וואָס איז פונדערהיים מיט מיר מיט;
די היים, טאַטע־מאַמעס; די היים פון מיין וויג;
די היים פון מיין ערשטן נישט היימלעכן ליד;
און איצט — איז מיר שווער צו באַנעמען די פרייד,
וואָס קומט אינדערטונקל צו מיר ווען אַריין,
און וויל מיט מיר עסן דאָס טרוקענע ברויט —
געטונקען אין ווייַן
פון דער ליבע.

מיין אָרעמע, דו!
כ׳וואָלט וועלן זאָלסט בלייבן מיט מיר און ביי מיר,
נאָר כ׳רעד דיך נישט צו.

צו אַ פינפצן־יעריקער

ווען כ׳וואָלט געזאָגט דיר,
וואָס געוואָלט וואָלט איך דיר זאָגן,
דיר, אַ פינפצן־יעריקער, אַ קינד —
געדאַרפט וואָלט איך על חטא זיך שפּעטער שלאָגן
פאַר דער זינד,
וואָס כ׳וואָלט באַגאַנגען קעגן דיר —
מיט בלויזע ווער׳טער פיר:
איך האָב דיך ליב;
עס וואָלט געווען, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן?
ווי מען נעמט אַ רויז, נאָך נישט קיין רויז —
אַ קנאָספּע בלויז, —
גענומען און צענומען מיט די הענט,
און פאַר דער צייט — געוועקט זי,
און געשענדט.

ווער...

ווער קאָן עס זיין? ווער קאָן עס זיין?
ס'האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט
און נישט אַריין.

איך האָב אַליין געהערט
אין טיר דריי פינגער־קלעפּ,
דריי דינע קלעפּ, דערנאָך —
אַ לויפן פון די טרעפּ;
אַ שאָרוויק, ווייך געלויף,
און איילִיק ווי אַ פלי,
און פלאַטעריק אַזוי,
ווי ס'קאָן נאָר זיין אַ „זי";

און כ'האָב אַליין געהערט,
ווי אונטן, פאַרן הויז —
צעשיט זיך אַ געלעכטער
אין דער גאַס אַרויס,
דערנאָך — דערנאָך איז שטיל געוואָרן,
שטילער ווי געווען,
און כ'האָב זיך ווידער
טיפער, אין דער איינזאַמקייט דערזען,
באַאומרואיקט און ווי באַליידיקט
ביז אומזיסטער פּיין,
פון טראַכטן בלויז:
ווער קאָן עס זיין? ווער קאָן עס זיין?
ווער האָט עס אָנגעקלאַפּט
און — נישט אַריין?

מיר האָט זיך געחלומט...

מיר האָט זיך געחלומט אַז דו ביסט געשטאָרבן
און כ'האָב דיך געזען אין אַן אָפענעם אָרון:
גערויזט האָט דיין פנים; די ליפּן — געשמייכלט,
אַזוי ווי דו וואָלסט בלויז אַנטשלאָפן־געוואָרן;

ביסט רואיק געלעגן — דערטרונקען אין מירטן
און ליליעס — מיט בענדער פון קרעפּ דורכגעצויגן;
עס האָבן צוויי ליכט דיר צוקאָפּנס געלויכטן,
און איך בין געשטאַנען אין טרויער געבויגן...

נאָר פּלוצעם האָסטו דיינע אויגן געעפנט,
אַזוי ווי צוויי הייליקע, לויטערע קוואַלן,
אַ בליק־געטאָן וואַרעם אויף מיר און — פאַרמאַכט זיי,
און איך נעבן דיר — בין אַנידערגעפאַלן...

אַ טיר האָט אין פאָרכטיקער שטילקייט צעפּראַלט זיך,
אַ ווינט־צוג געגומען האָט בלאָזן און יאָגן,
און ס'האָבן אונדז הענט — דורך באַזונדערע, לאַנגע
און טונקעלע, קילע אַדורכגענג — געטראָגן...

אויפגעהערט

כ'האָב אויפגעהערט אין חלום דיך צו זען,
און שוין פאַרגעסן באַלד ווי דו זעסט אויס ;
דיין נאָמען בלויז דערמאָנט מיך ווען־נישט־ווען,
און שיילט ווי פון אַ נעפּל דיך אַרויס.

פאַרוואָס, פאַרוואָס באַוויזטו זיך שוין נישט
אין חלום כאָטש — אויב ווילסט נישט אויף־דער־וואָר ?
כ'האָב ליב דיך, ליב אויך זען אַזוי פאַרווישט,
נישט קלאָר, ווי ס'איז דאָס חלומען נישט קלאָר.

באַאומרואיקט דערפאַר מיך, אַ געדאַנק,
און כ'טראַכט : ווער ווייסט, ווער ווייסט וואָס ס'איז מיט דיר !
איך האָב דיך ווען פאַרגליכן צו אַ זאַנג,
וואָס פאַלן וועט פון לייכטסטן ווינט־באַריר.

דיין נאָמען בלויז דערמאָנט מיך ווען־נישט־ווען,
און שיילט ווי פון אַ נעפּל דיך אַרויס ;
כ'האָב אויפגעהערט אין חלום דיך צו זען,
און שוין פאַרגעסן באַלד ווי דו זעסט אויס.

ראָמאַנס

כ'וועל זיך לאַנג ניִשט פאַרהאַלטן ביי דיר,
האָסטו עפּעס צו פרעגן מיך — פרעג,
האָסטו עפּעס צו זאָגן מיר — זאָג,
כ'בין אַריין, וועל אַרויס און — אַוועק.

ס'האָט פאַרוואָלט זיך מיר זען ווי דו לעבסט,
און מיט וועמען דיך קניפּט און פאַרבינדט,
ווי ביי מיר איז? ביי מיר — ווי געווען —
כ'בין נאָך אַלץ ווי אַ וואָלקן אין ווינט.

כ'האָב אַ סך פאַר דער צייט שוין געליבט
און פאַרגעסן שוין אַלע פון לאַנג,
דיך נאָר איינע געדענק איך ביז היינט,
ווי דעם העלסטן און שנעלסטן פאַרגאַנג.

איצטער בין איך ביי דיר ווי אַ גאַסט,
וועלכער קומט, ניִשט געבעטענערהייט,
און ער וואַרט זאָלסט מכבד אים זיין
מיט געציילטע, נאָר וואַרעמע רייד.

כ'וועל זיך לאַנג ניִשט פאַרהאַלטן ביי דיר,
האָסט נאָך עפּעס צו פרעגן מיך — פרעג,
האָסט נאָך עפּעס צו זאָגן מיר — זאָג,
כ'בין אַריין, וועל אַרויס און — אַוועק.

אירע אויגן

איבער מיינע אומעטיקע וועגן,
איבער מיינע לופטשלעסער־רואינען, —
לייכטן אירע אויגן מיר אַנטקעגן,
הימל־בלאָ, ווי שטערן פון באַגינען;

לייכטן, פול מיט גוטס און מיט באַגערן —
זענען קאַלט צו מיר די אויגן אירע,
און זיי פאַלן ווי די מזל־שטערן,
נישט פאַר מיר — פאַר דעם, וואָס זינגט זיי שירה.

דיין גאָרטן

א

דיין גאָרטן איז יונג, און ס'איז יונג, אַזוי יונג, אויך דיין סאָד,
און דאָרט ווו ס'איז טאָליק און שאָטנדיק — ציט און עס לאָקט,
און דאָרט ווו כ'הער קלאַפּן אַן עמער און סקריפּען אַ ראָד —
איז ווייס איך פאַראַנען אַ ברונעם, אַ קוואַל, וואָס ער שלאָגט.

פאַרמאַך נישט דיין גאָרטן! לאָז אָפן דעם איינגאַנג פאַר מיר!
לאָז פריי מיר די סטעזשקע, וואָס פירט צו דיין ברונעם אין סאָד;
ס'האָט טרינקען מיר אויסגעפּעלט, בין איך געקומען צו דיר
מיט דורשט, וואָס פאַרברענט און איז עובר דעם שטרענגסטן פאַרבאָט.

ב

ציטער נישט מיידל־קינד אונטער מיין הייסן באַריר,
ווי ס'ציטערט אַ טויב, און צאַפּלט אין האַנט פונעם שוחט ;
רואיק זיי, רואיק און זיכער־זיין קאָנסטו ביי מיר,
כאָטש כ'ציטער אַליין אין מיין הייסן באַגער צו דיר — אויכעט.

ציטער איז אומשולד וואָס פירט צו דער הייליקער זינד,
וואָס מ'איז זי מכפר — די הייליקייט נישט צו פאַרשוועכן ;
פּירות, וואָס כ'רייס מיט דער גלוסטונג, וואָס טרעפט אינדערבלינד —
זיי רייס איך אַזוי, כ'זאָל אין רייסן דעם בוים נישט צעברעכן...

ג

מיין ליד צו דיר, איז נישט פאַר דיר, און קאָן דיר נישט געהערן,
ס'איז פאַר יענער, וואָס געוואָלט האָב איך זי זען אין דיר,
און האָב זי אויסגעטראַכט לויט מיינע ווינטשן און באַגערן,
און דערביי — געזאַנג־פעדעם געוועבט צום לויב פאַר איר.

און דיר, פאַר דיין זיך אָנגעטרויען מיר — אַ דאַנק ; אַ דאַנק דיר
פאַר דער פרייד און פאַר דעם גוטס, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט;
אַ דאַנק דיר פאַרן איבערלאָזן לייב און בלוט־געזאַנג מיר,
לייב און בלוט־געזאַנג וואָס האָט מיך ווען צו דיר פאַרשקלאַפט.

אין דיינע פּיס־טריט

כאָטש איך האָב נישט פון מיין ליבע
פון מיין גרויסער — מער ווי ליידן, —
איז מיר שווער, דיך נישט צו זוכן,
איז מיר שווער, דיך אויסצומיידן;

איז מיר שווער זיך אָפּצוזאָגן
פון מיין דינסט דיר פּאָרצולייגן —
פאַר אַ קוק אויף מיר, מיט דיינע
קלוגע, קלאָרע בלאָע אויגן;

פאַר אַ וואָרט אַ גוטס, אַ שמייכל
פון דיין פּנים פון דיין אָפן,
פון אַ פּנים, וואָס מאַכט גלויבן,
פון אַ פּנים, וואָס מאַכט האָפן, —

ווייל ס׳איז זוניק; ווייל ס׳איז וואַרעם;
ווייל ס׳האָט ליכט, און מיך — דעם שאָטן,
וואָס אין דיינע פּיס־טריט, האָט ער
דיינע וועגן אויסגעטראָטן.

ביי דיר אין סאָד

ווי לאַנג איך בין ביי דיר אין סאָד,
און האָב אין אים די פּירות נישט פאַרזוכט, —
ווייל כ'האָב דיך ליב מיט יענער גרויסער ליבע,
וואָס מאַכט ציטערן די האַנט,
ווייל אירע פינגער־שפּיצן בריען
פון דער דינסטער, וואַרעמסטער באַרירונג.

ווי לאַנג איך בין ביי דיר אין סאָד,
און האָב אין אים די פּירות נישט פאַרזוכט;
איך שייל זיי, עס און טרינק זיי מיט די אויגן,
נאָר איך וואַג פאַר ליבע נישט אַ ריס־טאָן זיי פון בוים, —
ווייל אונטער אַלע ביימער פיל איך דיך,
און זע די אויגן דיינע — אויסבאַהאַלטן,
ווי די הימל־בלאָקייט דורך די צווייגן.

וואָלט איך זיין בלויז אַ פאַרבייגייער, אַ פרעמדער, —
וואָלט איך הפקר זיך אַריינגעכאַפּט אין סאָד,
און אפשר, נאָך פון יענער זייט פון פלויט —
אַ צי־געטאָן אַ פולע צווייג צו זיך,
געמאַכט זי אונטערטעניק ביז צום ברעכן זיך,
און אָט אַזוי, אין פולער גלוסטעניש —
אַ ריס־געטאָן אַ פּרי מיטן טוי,
און איינגעביסן זיך אין איר ביז בלוט...
נאָר כ'האָב דיך ליב מיט יענער גרויסער ליבע,
וואָס מאַכט הייליק, אומבאַרירלעך הייליק.

וואָלסט...

וואָלסט די, וואָס דו ביסט, נישט געווען פאַר מיר איצט —
ווען ס׳וואָלט נישט דערזען דיך דער טרוים פון מיין אויג;
און ס׳וואָלט פון דיין קאָפּ נישט געשטראַלט און געבליצט
די קרוין פון מיין קנעכטישן טיפן פאַרנויג...

וואָלסט די, וואָס דו ביסט, נישט פאַר קיינעם געווען —
ווען כ׳וואָלט נישט פאַר דיר זיך געוואַלגערט אין שטויב;
און ס׳וואָלט אַזוי גרויס — דיך נישט קיינער געזען —
ווען כ׳וואָלט נישט דיין נאָמען צעזונגען מיט לויב...

אין אַש פון ליבע

מיין ליבע צו איר איז געלאָשן שוין לאַנג,
נאָר ס'טליען נאָך פונקען אין אַש
פון מיין האַרץ מיין פאַרברענטן,
און ס'טליען נאָך קלאַנגען אין מיר —
פון אַ גרויס נישט־פאַרענדיקט געזאַנג
פון אַ ליבע־פאַרבלענדטן;
און ס'טליעט אין מיר אַ דערמאָנונג,
וואָס, בלייבן וועט אייביק מיר טייער,
ווי אַ רעליקוויע וואָס ס'האָט אין אַ שריפה
געשוינט זי דאָס פייער.

די נאַכט אַליין...

ס'האָט די נאַכט אַליין געדורשט, אַליין געגלוסט,
און ווי פּאַר גלוסטונג — די לבנה אָפּגעדעקט
אַ רונדע און אַ פולע, ווי אַ ברוסט,
און ווי אין גלוסטונג — זילבער־בלאָ און העל,
ווי אין אַ נאַכטהעמד — צוגעזעצט זיך אויף דער שוועל
פון מיין צעפּראַלטער טיר,
און זיך געפרעגט, געפרעגט אויף דיר,
און לאַנגזאַם, אין איר דורכזיכטיק געהיל, —
אַריין אין שטוב צו מיר,
געזעצט זיך אויף מיין דיל,
צעלייגט זיך אויף מיין בעט,
געגאַרט ווי איך,
געוואַרט ווי איך
ביז שפּעט,
דערנאָך — אַרויס, ווי אָן אַ גוטע נאַכט,
און קיל — די טיר מיינע, נאָך זיך פאַרמאַכט.

*

כ׳האָב זיך נישט אויף וואָס צו קלאָגן
נאָך דיין צומאַכן מיין טיר;
האָסט די לאָמפּ אַרויסגעטראָגן,
און דאָס ליכט — געלאָזט ביי מיר...

איז מיר גוט אַזוי צו זיצן
אין דער פינצטער ביי דיין ליכט,
און בדמיון, דין פאַרשניצן
יעדן שטריך פון דיין געזיכט;

און נישט לאָזן גיין פאַרלוירן
דיינס אַ ציטער, דיינס אַ קלאַנג,
וואָס האָט זיס געמאַכט מיך טרויערן,
ווי די זון, ביי אונטערגאַנג.

כ׳האָב זיך נישט אויף וואָס צו קלאָגן
נאָך דיין צומאַכן מיין טיר;
האָסט די לאָמפּ אַרויסגעטראָגן
און דאָס ליכט — געלאָזט ביי מיר...

פרעליוד

האַקט מען וועלדער, זעגט מען, שניידט מען —
זעט מען נישט די שענסטע רויז.
האַקט מען וועלדער — ליידט מען,
ליידט מען — מיידט מען
דער געליבטערס הויז.

פאַלן ביימער — פאַלן ביימלעך,
ווערט אומהיימלעך,
ליידיק, באַנג,
איז נישטאָ אין וואַלד קיין פויגל,
וואָס זאָל זינגען סתם־געזאַנג.

אויס ! — געזאַנג, לשם געזאַנג,
אויס ! — מיט זינגען מזמור שיר,
ס'לאָזט זיך נישט אין אונטערגאַנג
זינגען שיר־השירים דיר.

שיר־השירים דיר פון שלומהן,
וואָס ער איז דיר אומבאַקאַנט
מיט די בענקשאַפטן און טרוימען
זיינע, פון זיין דיכטער־לאַנד.

צו איינער מיט גראָע האָר

לאהן

א

אַ פרויען־קעפּל מיט אַ פּאַטלע גראָע האָר, ווי שניי
אויף שוואַרצער ערד, וואָס קוקט נאָך שוואַרץ אַפּער פון ווייסן שיכט.
צוויי סאַרנע־אויגן, פול מיט איינגעהאַלטן ברען אין זיי,
אַ קינדיש פּנים, נאָר אַ מאַט, ווי אונטער מאַטע ליכט.

אָט אַזוי, האָב איך פאַר זיך סקיצירט בלויז איר פּאָרטרעט,
סקיצירט מיט וואָרט און שריפט, מיט פערז מיט ריטמישן און קלאַנג —
אַ בילד אַ גרויס פאַר יעדן מאָלער, סקולפּטאָר און פּאָעט:
אַ גראָע פרוי, וואָס איז אי וייב, אי ווייַן, און אויך געזאַנג.

ב

ביסט שענער פון שיין —
אָט אַזוי ווי דו ביסט,
מיט דער גראָקייט דער פריער,
וואָס ליגט אויף דיין קאָפּ,
ווי ס׳ליגט אויף אַ באַרג־שפּיץ דער אייביקער שניי,
און זילבערט אַראָפּ —
ווען אונטן, צופיסנס, אין גאָלד און אין גרין —
איז דאָס לעבן נאָך יונג,
האָט עס זון, האָט עס זין,
האָט דאָס לעבן נאָך רייץ
און פאַרלאַנג און באַגער :
צו נעמען וואָס מער, און צו געבן וואָס מער.

ג

נישט שטענדיק איז דאָס גראָ־זײַן, סימן אַלט.
עס טרעפט — אַ שניי אין מיטן זומער פאַלט,
און ס'טרעפט, אַז ווינטער, אומגעריכט אַזוי, —
דערזעט מען עפּעס בליען אויפן שניי.

איך מיין עס קען דיינע גראָע האָר,
וואָס זענען מיר באַקאַנט שוין לאַנגע יאָר,
ביסט גראָ שוין אפשר פון געבוירן אָן,
אַ וווּנדער אויך אַזאַ־מין טרעפן קאָן.

נישט שטענדיק איז דאָס גראָ־זײַן, סימן אַלט.
די גראָקייט דיינע לאָזט מיך ווייט נישט קאַלט,
עס שלאָגט מיט וואַרעמקייט אַרויס פון דיר
אַזוינס, וואָס רעגט צו לייבלעכן באַריר.

זיי מוחל מיר מיין זינדיקן געדאַנק,
וואָס איז דאָס קינד מיינס, ס'קינד פון מיין געזאַנג, —
געזאַנג צו דיר, וואָס האָסט שוין גראָע האָר,
און זעסט נאָך אויס — אַ חלום אויף דער וואָר.

*

אויב ס'איז עפּעס נאָך פֿאַראַן
אַזוינס, וואָס זאָל מיר זיין כדאי, —
ביסט דו, ביסט דו די איינציקע
פֿאַר וועמען איך בין גרייט צו גיין אין שפּאַן,
און זיין דיין קנעכט —
באַזינגענדיק די פריי.

ביסט דו, ביסט דו די הייליקייט,
צו וועלכער כ'וואָלט אַ גאָטלאָזער געדינט,
מיט לויב פֿאַר יעדע ערדיש ביסל פרייד,
און מיט געבעט פֿאַר יעדער קלענסטער זינד.

ווייל...

ווייל ס׳שמעקט פון דיר מיט וואַרעם ערד, מיט פעלד־ריח און וואַלד ;
ווייל ס׳שלאָגט פון דיר מיט דורשט און אויך מיט קוואַל,
וואָס שטיין פאַרהאַלט —
באַגער איך דיך מיט הונגער, ווי צו וואַרעם ווייצן ברויט
מיט קימל, וואָס כ׳בין גרייט אַפילו עסן זאַטערהייט.

ווייל ס׳ציט מיך צו דער פשטות, ווי צו אייגן שטאָם און שיכט ;
ווייל ס׳בענקט זיך מיר צו זען פאַר זיך אַן אָפן, קלאָר געזיכט, —
באַגער איך דיך, און ס׳איז מיר גוט, ווי זעלטן גוט — מיט דיר,
ווי ס׳וואָלט דיין שויס, די שויס פון דער נאַטור, געוועזן מיר.

צום שיידוועג

לאָמיך דיך אַרויספירן צום שיידוועג,
צ׳ריק וועל איך אַליין שוין גיין מייןליידוועג,
וועלכן כ׳האָב אַ לעבן אויסגעטראָטן,
אומבאַמערקט און זייטיק, ווי אין שאָטן.

גיי, און זאָל זיך דורכגיין דיר בשלום!
ס׳גייט מיט דיר אַוועק פון מיר אַ חלום,
וואָס צערינט און לאָזט אויף לאַנגע יאָרן
באַנגס און האַרציק וואַרעמס — לזכרון.

זאָל צו דיר דער גורל מילדער ווערן,
און אין ליכט פון העלסטן מזל־שטערן —
פירן מיטן שיידוועג דיך צום פריידוועג.
צ׳ריק וועל איך אַליין שוין גיין מיין ליידוועג.

לזכרון

מער פון זינגען וועגן ליבע, קאָן איך — ליבן.
כ'האָב פאַרברענט מיט ליבע, מיינע יוגנט־יאָרן;
זיי זשע אויכעט דו אַצינד ביי מיר פאַרשריבן
מיט אַ בלעטל שיר־השירים — לזכרון.

ס'איז מיין בוך פון ליבע פול מיט צער און ווייען,
וואָס אַ יעדע גרויסע ליבע מוז פאַרשאַפן, —
ווען מען מוז די קערנער אירע, הפקר זייען
אויפן ווינט, און גערן זיך צו איר פאַרשקלאַפן.

גיי־זשע אויכעט דו, ווי ס'זענען ווען געגאַנגען
אַלע די, וואָס האָבן נאָר מיין שוועל באַטראָטן —
בלויז צו הערן דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען,
וואָס כ'פלעג זינגען מיין שולמית'ן — פון שאָטן.

גיי, און זאָל דער וועג, צוריק פון מיר — דיר לייכט־זיין!
האָסט גענוג זיך מיר מיט ליבע אָפגעגעבן;
כ'בין געווינט, אַז מיינע אויגן זאָלן פייכט־זיין
פון אַ בענקשאַפט פון אַן אייביקער אין לעבן.

כ'בין געווינט, געוווינט צו שיידונגען צו שנעלע.
צו געזעגענונגען טרויעריקע, זיסע,
ווי די זון־פאַרגענג די ליכטיקע און העלע,
וואָס אַנטפלעקן זייער שיינקייט, ערשט ביי גסיסה...

צו איינער אַ פרוי

דעם אָנדענק — קאָנעלין

א

איך שטיי פאַר דיר, ווי פאַר אַ ליכטיק ווונדער.
כ'שטיי פאַר דיר, ווי פאַר אַ טיפן קוואַל,
וואָס שלאָגט צווישן בערג,
און ווערט אין גרעסטער היץ נישט אויסגעטרוקנט,
און פון פאַלנדיקע שטיינער נישט פאַרשאָטן.

אַז איך הער דיך רעדן —
הער איך די מוזיק פון קוואַל־געפּרעפל
וואָס איז לויפיק, אייליק און קרישטאָל־ריין,
ווי אַ שפּיגל אונטער קלאָרן הימל.

אַז איך הער דיך —
בלייב איך שטיין פאַר דיר,
ווי כ'וואָלט פאַרגעסן דאַן נאָך וואָס איך בין געקומען —
כאָטש אַוועק בין איך צו דיר, אַ דורשטיקער,
ווי צו אַ קוואַל וואָס כ'האָב פון ווייט דערהערט,
און — כ'שטיי פאַר דיר, ווי פאַר אַ ליכטיק ווונדער.

ב

עס ווייעט פון איר נאָך מיט יונגקייט
פון פרילינגס, וואָס זענען פאַרגאַנגען,
מיט וואַרעמע ווינטעלעך לינדע,
וואָס האָבן צעשאָטן דעם צוויט;
מיט בליעכץ, וואָס האָט איבער פלויטן אַריבערגעבליט,
און מיט ענדלאָזע גאָלדענע פעלדער מיט זאַנגען,
וואָס וויגן זיך שכּור פון וואַקסן צום שניט...

עס ציטערט פון איר נאָך דער גאָלדענער אָפּהילך
פון לאַנג־שוין־פאַרשוויגענע פרילינגס־מוזיק,
פון שוואַלבן־געצוויטשער,
פון פייגל־געזאַנג,
און דער ריטם פון גליק
פון אַ לעבן, וואָס איז נישט געווען געצוימט
און — אַריבערגערונען, אַריבערגעשוימט,
ווי אַ בעכער מיט שכרות־געטראַנק...

און עס אָטעמט נאָך, אָטעמט פון איר —
מיט הייסן באַגער און פאַרלאַנג,
און מיט פאַרביקער, ליכטיקער טרויעריקייט
פון אַ רייכן פאַרגאַנג.

ג

כ'האָב ערשט נעכטן באַזונגען
איר קוואַליקן כוח פון לעבן,
וואָס האָט זיך פון טיפן געריסן,
וואָס האָט זיך צו הייכן געשלאָגן —
מיט ים זיך צוזאַמענצוגיסן,
מיט כוואַליעס אין לויף זיך צו טראָגן, —
אין אייביקן דורשט — צו דערכאַפּן,
אין אייביקן דורשט — צו דעריאָגן.

זי איז נעכטן געווען דאָס געזאַנג מיינס
פון נס און פון וווּנדער,
און היינט איז זי ס'ליד פון באַדויער,
און היינט איז זי ס'ליד פונעם טרויער
און צער, וואָס עס האָט זיך אַ שפּרודליק לעבן —
דעם טויט — בידים זיך איבערגעגעבן.

צו...

א

ווי ס׳פירן אַלע וועגן אויף געהייליקט־ווערן:
קיין ירושלים, מעקקאַ אָדער רוים —
אַזוי־אָ פירט דורך חלום און דורך טרוים —
מיין יעדער וועג צו דיר:
זיך אָנצונעמען מיטן זיסן ציטער
פון דיין הייליקן באַריר,
און מיט דער העלער אויסשטראַלונג,
וואָס שלאָגט מיט גוטס און וואַרעמקייט פון דיר.

ב

דאָס ברענג איך דיר פון סאָד מיינעם די ערשטע פרוכט פון האַיאָר:
געזאַנגען אויפגעגאַנגענע אַרום דיין בלאָען פייער,
וואָס האָט ווי מיט אַ וווּנדערלעכער ליכט אַן אומגעריכטער —
אַרומגענומען מיך, דעם לאַנג שוין נישט געליבטן דיכטער.

דאָס ברענג איך דיר פון סאָד מיינעם די פרוכט פון דאַנק און ליבונג:
געזאַנגען אויפגעגאַנגענע אין הייליקער דערהויבונג
פון טרינקען דאָס געטראַנק דיינס — ביז באַטרונקענער פאַרלירונג,
ווי כ׳וואָלט אָן לייב דיינעם געפילט די געטלעכע באַרירונג.

ג

עס שמייכלט פונעם טישל מיר, דיין האַרציקע מתנה:
דער ברוינער, ווייס־געפּלעקטער מיניאַטור פון אַ וואַזאָנע
מיט בלימעלעך, וואָס האָסט מיט ליבע זיי פאַר מיר געריסן
אינדרויסן פאַר דיין פענצטער, ווו זיי וואַקסן דיר צופוסנס.
דיין חנ׳עוודיק וואַזאָניקל, ווי זאָל איך עס דיר זאָגן?! —
האָט כשוף אין מיין אָרעם דאַכשטיבל אַריינגעטראָגן;
געמאַכט עס שענער, וואַרעמער; געמאַכט עס ריין פון שימל,
ווי אויפגעהויבן דעם סופיט מיר פונעם קאָפּ — צום הימל;
צערוקט די אָפּגעשיילטע ענגע ווענטלעך — אויף צום שטוינען!
ווי כ׳וואָלט אַ שלאָס אַ ליכטיקן, אַ שלאָס, אַליין באַוווינען,
אַליין, נאָר נישט אין איינזאַמקייט; נישט גראָ און מאָנאָטאָניק —
דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען דיין געשאַנק מיר, דיין וואַזאָניק
מיט בלימעלעך מיט העלע, ווי די לייכטנדיקע שטערן,
וואָס וואַרעמען און זאָגן צו, אַז ס׳וועט נאָך בעסער ווערן...

ד

שוין לאַנג, צוריק מיט דרייסיק פרילינגס,
ווען דער מאַן אין מיר איז צייטיק, רייף געוואָרן,
און זיך אויסגעשטאַנען ווי אַ יונגער ווײַן אין קעלטער,
אויסגעשטאַנען, מיט דער ערשטער גלוסטונג דער צעהעלטער,
ווי מיט אָנגעלאָדנקייט פון ווייץ און קאָרן
ערב ערשטן שניט ; —
נאָך דאַן, צוריק מיט דרייסיק פרילינגס,
ווען מיט ערשטע מענערישע טריט,
וואָס האָבן אונטער זיך די ערד פאַרגוואַלטיקט, —
האָב איך אין באַגער נאָך אויסלאָדונג —
דיך אויסגעטראַכט, דיך אויסגעחלומט און געשטאַלטיקט
אָט אַזאַ, ווי כ׳זע דיך איצט,
מיט דרייסיק פרילינגס שפּעטער —
שפּילן זיך מיט מיינע גראָע האָר,
ווי קינדער שפּילן זיך מיט האַרבסטיק גאָלד פון בלעטער.

ה

דאָס גיי איך איצט פון איר,
פון דער, וואָס איך פֿאַרהייליק און פֿאַרגעטער, —
גיי איך עס אַזאַ צעזונגענער,
אַזאַ צעכראַסטעטער אין נאַכט אין שפּעטער, —
ווי געגאַנגען וואָלט איך פון אַ משתה,
וווּ די נאַכט אַליין האָט אויך געטרונקען,
און זי וואַרפט זיך שכור אויפן האַלדז מיר,
שכור, און אַ שעלמישע צעוווּנקען
מיט אַ פֿאַלנדיקן הימל פול מיט שטערן
איבער מיר און איבער גאַסן קרומע,
איבער וואַקלענדיקע הייזער און לאַמטערן,
וואָס כ'וואָלט אַלע זיי אַרומגענומען,
און מיט פרייד ביז טרערן —
זיך געקושט מיט זיי אין נאַכט אין שפּעטער,
און דערציילט פאַר זיי, אַז כ'גיי פון איר,
פון דער, וואָס איך פֿאַרהייליק און פֿאַרגעטער.

ו

איך האָב זיך יענער נאַכט אויף דיר געריכט,
און האָב ווי צו אַ יום־טוב זיך געגרייט:
געצונדן, וויפל כ'האָב געהאַט נאָר ליכט,
זיך אָנגעטאָן אין בעסטן, שענסטן קלייד;

געדעקט דעם טיש דעם נאַקעטן, מיט וויין,
געדעקט פאַר צווייען אויך מיין איינזאַם בעט,
געמיינט, אַט קלאַפסטו אָן און קומסט אַריין,
דיך אויסגעקוקט, געוואַרט, געוואַרט ביז שפּעט.

געגאַרט פון הערן יעדנס פרעמדע טריט —
דערוואַרט דיך האָבן פונקט ווי איך — די ווענט,
די טיר, דער דיל און אויכעט דער סופיט, —
געוואַרט, ביז ליכט נאָך ליכט האָט אויסגעברענט;

און כ'בין אין טיפער פינצטערניש געהילט, —
געבליבן זיצן ווי אַריינגערעמט
אין פענצטער פונדערנאַכט, און בלויז געפילט,
אַז אין פאַרשעמונג — ברענט אויף מיר דאָס העמד...

איך נעם דיך מיט

איך פאָר שוין אָפּ, דו בלייבסט, נאָר — כ׳נעם דיך מיט:
פאַראייביקט האָב איך דיך ביי מיר אין ליד,
און בלייבסט ביי מיר אויף שטענדיק אַ געזאַנג
פון וואַרעמסטן, פון ריינסטן דינסטן קלאַנג;
און זינגען וועל איך דיך, ווען איך אַליין
וועל פילן זיך ווי דו — אי שיין, אי ריין,
און אומשולדיק ווי ס׳קאָן נאָר זיין אַ קינד
אויף וואָס עס פאַלט קיין שאָטן נישט פון זינד.

דיין ליכט

דיין ליכט, וואָס האָט אַמאָל אויף מיר געלויכטן,
און געהייליקט מיינע ווענט ביי מיר אין הויז, —
דיין ליכט איז היינט מיין טרויער־ליכט, וואָס ברענט און ברענט
און, ברענט נישט אויס.

און ביי דיין ליכט, ביים טרויער־ליכט, אַליין מיט זיך
און מיטן גרויסן ווונדערלעכן ליבע־סוד —
מתיחד בין איך זיך אַצינד מיט דיר,
ווי מיט דער הייליקייט פון גאָט.

דער באַרוועסער שיינקייט

לויב צו דיר —
באָרוועסע שיינקייט אין אָרעם־קלייד, לויב!
מיין אונטערטעניקייט צו דיינע פיס,
אויף וועמענס נאַקעטקייט עס רוט
דער דינער, ווייסער שטויב.

לויב צו דיר —
כאָטש כ׳בין דיר פרעמד,
און ווייסט נישט, אַז ביים טאַטן דיינעם,
מלך „פאַן" אין גרינעם מלכות —
בין איך דער געטרייסטער שומר;
אַז אין שאָטן פון אַ בוים,
אונטער גרינע בלעטער־שירעמס —
היט איך אָפּ דיין אָנקומען, פרי־מאָרגנס,
ווען צעשיטסט אין וואַלד, דיין זוניק געזאַנג,
און פלאָנטערסט אָפּ די שוואַרצע לאָקן דיינע,
פון די צווייגן, וואָס פאַרהאַלטן דיך אין גאַנג.

לויב, מיין לויב דיר —
באָרוועסע שיינקייט אין אָרעם־קלייד...

ג

1965 — 1949

געזאַנג צו מיין ליכטיקן שאָטן

עס שלאָגט פון איר שכרות־געטראַנק פונדערקיל,
עס שלאָגט פון איר וויין פון פאַרנונפט און געפיל,
עס שלאָגט פון איר וווּנדערלעך זאַפטיק געמיש
פון שטאַרקס, וואָס מאַכט גלויביק, מאַכט יונג און מאַכט פריש.

איך ליב זי שוין לאַנג. נאָך פון דאַן, נאָך פון דאַן,
ווען ס׳האָט נישט געהאַט זי געבונדן קיין מאַן,
און זי — נישט געווען איז נאָך קיינעמס קיין ווייב,
וואָס האָט שוין אַרומגיין די פרוכט פון איר לייב:

אַ קינד אַזאַ העלס, אַזאַ ליכטיקס, ווי זי —
די בלאָנדע, די זון־בלום אין פולן צעבלי,
די מיידלשע מאַמע, וואָס דורשט נאָך און שעפט,
און איז נאָך אַליין ווי אַ קוואַל וואָס באַלעבט.

ביסט די זון,
און איך — די ערד,
וואָס דרייט זיך אָן אויפהער
אין קרייז אַרום דיר,
און ציטערט
פאַר יעדן דיין מינדסטן באַריר.

ווי ערד — דאַרף איך זון,
דאַרף איך וואַרעמקייט, ליכט,
וואָס שלאָגט פון די אויגן ביי דיר,
פון געזיכט
און — ברעכט אין מיר ס'אייז,
און לאָזט קריעות אין גאַנג,
און רעגט,
און באַוועגט
צו געדאַנק
און געזאַנג.

מיין ליבע צו דיר, איז געוואַקסן מיט מיר,
און מיט מיר זיך געעלטערט,
געשטאַרקט זיך, געקרעפטיקט,
ווי ווײַן אויסגעשטאַנען אין קעלטער;

און כ׳בין פונעם ווײַן פון דער ליבע
באַרוישט און פאַרשכורט —
צום וויינען פון שכרות,
און רייסן דאָס האַרץ זיך אויף שטיקער;

און כ׳בין פון מיין ליבע מיין אַלטער
נאָך אַלץ אַ באַהערשטער,
און יונג, ווי כ׳וואָלט איבערגעלעבט איצט
מיין ליבע, מיין ערשטער.

ביסט מיין ליכטיקער שאָטן, וואָס גייט מיט מיר מיט,
ווי עס גייט אַ באַגלייט צו אַ טרויעריק ליד:
ס'איז אַ ליד וועגן דיר, און מיין ליבע צו דיר,
ס'איז אַ ליבע, וואָס שרייט פון די אויגן ביי מיר
און פאַרראַט, און דערציילט פאַר דער וועלט, אַז כ'בין קראַנק
אויף אַ קרענק, וואָס מען היילט נאָר מיט ליבע־געטראַנק,
און די היילונג — ביסטו; דאָס געטראַנק איז ביי דיר,
און דער דורשט וואָס איז גרויס, ווי דער מדבר — ביי מיר.

צו פאַרשפּאָרן ליידן,
צו פאַרשפּאָרן צער, —
מוז איך דיך פאַר ליבע מיידן,
ווי מען מיידט געפאַר.

ציסט צו זיך ווי פייער,
נאָר דו מיינסט נישט מיך, —
דעם, וואָס טראָגט דיך הייליק, טייער,
טיף אין האַרץ ביי זיך.

אוי, ווען דו וואָלסט וויסן,
וואָס כ'בין גרייט פאַר דיר, —
וואָלסטו אויך געווען פאַרזיסן
ס'ביטער לעבן, מיר;

און פאַרשפּאָרט מיר ליידן,
און פאַרשפּאָרט מיר צער
און — פאַר ליבע דיך צו מיידן,
ווי מען מיידט געפאַר.

עס ברעכט מיך די לאַסט פון מיין ליבע צו דיר.
אַ ביסל בלויז, נעם כאַטש אַרונטער פון מיר!
אַ ביסל און — גרינג וועט מיר ווערן די לאַסט,
וואָס בייגט מיך און ברעכט מיך אַזוי ווי אַ מאַסט,
און מאַכט אין די אייגענע אויגן מיך קליין
און שוואַך, אומבאַהאָלפן — פאַרלוירן־צו־גיין.

נעם צו כאָטש אַ ביסל פון דעם, וואָס כ'בין גרייט
דיר מקריב־צו־זיין פאַר אַ ביסעלע פרייד,
פאַר קוקן מיר וואַרעם אין פנים אַריין,
פאַר הערן אַ וואָרט, וואָס באַרואיקט, נעמט איין
(ס'איז אויך אַ דערוואַקסענער אָפטמאָל אַ קינד) —
ווי איך, אין מיין ליבע צו דיר, בין אַצינד.

בלייב נאָך אַ ביסל מיט מיר,
גיי נישט אַוועק אַזוי גיך,
ס'איז אַזוי גוט מיר מיט דיר,
כ'וויל נישט איצט בלייבן מיט זיך.

כ'בין ווי אַ קינד איצט אַן אַלט —
פול מיט קאַפּריז און פאַרלאַנג;
כ'בין ווי אַ קינד איצט, וואָס פאַלט,
פאַלט מיט די טריט פון פאַרגאַנג.

בלייב נאָך אַ ביסל מיט מיר,
לאָז מיך נישט איצטער אַליין,
ס'איז אַזוי גוט מיר מיט דיר,
גוט, כאָטש כ'בין פול מיט געוויין;

פול מיט געוויין, ווי אַ קינד,
פול מיט געוויין פון פאַרדראָס, —
ווילט זיך מיר וויינען אַצינד,
וויינען, ווי אָן אַ פאַרוואָס.

פונעם בלויזן געדאַנק, אַז עס איז מיר צו לעבן באַשערט
אונטער איין און דעם זעלביקן הימל מיט דיר,
און מיט דיר — אויף דער זעלביקער ערד;
פונעם בלויזן געדאַנק, אַז איך קאָן דיך באַגעגענען ווען
אויף מיין איינזאַמען, זייטיקן וועג, און — דיך זען —
ווערט מיר וואַרעם און גוט,
און עס ווילט זיך מיר אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי,
און איך זאָג זיך אַליין: ס'איז כדאי, ס'איז צו לעבן כדאי.

טו אָפּ פון מיר דיין כישוף,
און באַפריי מיך פון דיין בלענד,
און פון דיין כישוף־ראָד, וואָס ברענט
מיט בלאָע פייערן.

ווי לאַנג נאָך וועל איך ווי אַ בלינדער
זיך אַרומדרייען אַרום דיין הויז,
און נישט געפינען דעם אַריין,
און נישט געפינען דעם אַרויס —
צוריק פון דיר?

ווי לאַנג נאָך, וועט מיין יעדעס ליד צו דיר
צוריקקומען צו מיר
באַליידיקט און פאַרשעמט,
און פול מיט צער און טרויער, —
ווי אַן אָפּגעקומענער, אַ זינגער
הינטער צוגעמאַכטע טיר און טויער.

זע, טו אָפּ פון מיר דיין כישוף,
און באַפריי מיך פון דיין בלענד
און פון דיין כישוף־ראָד, וואָס ברענט
מיט בלאָע פייערן.

ס'איז מיין פייער פון ליבע, איינגאַנצן אַריבער צו דיר —
ברענט דיין שוועל פון מיין יעדן באַטראַכט,
ברענט דיין טיר פון מיין יעדן באַריר,
שטייט אין פלאַמען פון ליבע — דיין הויז
און — די גייסט פון געפאַר נישט אַרויס.

ביי דיר איז אויך פייער אַ שפיל —
ווייל אַליין ביסטו פייער און פלאַם,
און דיך אַרט נישט אַ ליבע־געפיל,
וואָס איז דורשטיק נאָך ווייַן און טרינקט — סם,
און דיך אַרט נישט, וואָס עמעץ צינדט אונטער
מיט פייער פון ליבע — דיין הויז;
לאָזט די שטאָרן די שווערע אַרונטער,
און — גייסט פון געפאַר נישט אַרויס.

יאָ, פאַרכישופט האָסטו מיך,
און איך זע נישט מער ווי דיך,
דיך, און דיך, און בלאָע שיין,
ווי איך וואָלט לונאַטיש זיין,
און אַרומגעגאַנגען קראַנק,
ליבע־קראַנק און — מיט געזאַנג,
מיט געזאַנג פון קלאָגן זיך,
אַז פאַרכישופט האָסטו מיך.

האָסט אונטערגעצונדן דאָס האַרץ מיר,
און ס׳ברענט ווי אַ וואַלד —
נישט צום לעשן,
נאָר לאָזן אים אויסברענען, אויסברענען
ביז צו דעם פּניאָק צו דעם לעצטן.

עס זענען דערפאַר, מיינע לידער צו דיר, —
ווי פאַרצווייפלטע פייגל,
וואָס ציען מיט טמאַל פון דער שריפה —
אַ נעסט אויף דיין דאַך צו פאַרלייגן.

האָסט אונטערגעצונדן דאָס האַרץ מיר,
און ס׳ברענט ווי אַ וואַלד,
און די פלאַמען -- זיי יאָגן דיך נאָך,
און פאַרלויפן, ווי רייטער —
דיין וועג פון אַנטרינונג.

פאַרביק, ווי אַ רעגנבויגן,
דין־געוועביק, ווי אַ שלייער —
ציט מיך צו איר הויז, דאָס ליכט אירס —
ווי אַ שמעטערלינג צו פייער.

און איך דריי זיך אָן אַן אויפהער
אַרום איר און אירע וועגן,
און איך האַלט זי אין איין זוכן,
און אין איין אויף איר זיך פרעגן, —

ווי שולמית האָט אויף שלמה'ן
זיך געפרעגט ביינאַכט, די וועכטער,
און זיי האָבן זי, ווי איצטער
מיך — באַגעגנט מיט געלעכטער:

— דיין שולמית איז נישט דיינע,
וועט דיר קיינמאָל נישט געהערן,
ס'איז אומזיסט — פאַר איר דאָס קניען,
ס'איז אומזיסט — פאַר איר דאָס שווערן,

און אומזיסט — פאַר איר דאָס זינגען
דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען;
ס'איז קיין איינציק ליבעליד דיין,
ביז צום האַרץ איר נישט דערגאַנגען.

— דיין שולמית לאַכט ווי לילית,
לאַכט פון דיינע ליבע־ווייען ;
זע, פון כישוף־ראָד פון אירן
גיכער זיך אַרויסצודרייען.

אָבער — רעגנבויגן־פאַרביק,
דין־געוועביק ווי אַ שלייער —
ציט מיך צו איר הויז, דאָס ליכט אירס, —
ווי אַ שמעטערלינג צו פייער.

ס'האָט פאַרפּלייצט מיך דאָס געפיל צו דיר, וואָס קאָן אַ פעלדז צעטראָגן, —
ווי אַ קוואַל, וואָס זוכט אַן אויסגאַנג, און עס הערט נישט אויף צו שלאָגן,
רק ער רייסט זיך, רק ער שפּאַרט זיך, אומגעשטערט צו קאָנען פליסן,
און זיך ערגעץ מיט אַ צווייטן קוואַל אַזאַ, צוזאַמענגיסן.

ס'האָט פאַרפּלייצט מיך דאָס געפיל צו דיר, וואָס קאָן אַ פעלדז צעטראָגן,
קאָן אַדורכשלאָגן גראַניט, נאָר — צו דיין האַרץ, זיך נישט דערשלאָגן;
ביסט אַ שווימענדיקער אייזבאַרג אויף די כוואַליעס, אויף די בלאָע
פון מיין ים צו דיר, מיט ליבע, וואָס מאַכט קליין מיך, פון הכנעה.

זינג עפּעס, זינג, איך האָב ליב דיין געזאַנג,
מיט דיין גליאיקער שטים, און מעטאַלענעם קלאַנג,
וואָס איז ריין, ווי דער אמת וואָס ווײנט, ווי אַ קינד,
און דערמאָנט אָן אַ כּוח וואָס וועקט און וואָס צינדט.

זינג עפּעס, זינג, איך האָב ליב דיין געזאַנג,
און כ׳בין גרייט דיך באַגלייטן און מיטגיין דיין גאַנג,
וואָס איז אויפֿגעט געזאַנג, און איז הערן כּדאַי,
ווייל עס אָטעמט מיט בענקשאַפט און קאַמף פֿאַר דער פריי.

צו וואָס דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פאַר מיר? —
איך וועל דיך אומעטום געפינען.
איך דערפיל דיך, ווי דער יעגער־הונט — דעם קרבן...

כ'זע דיך, ווען און וווּ איך וויל,
אַפילו אָן אַ פייגנבלאַט, —
כאָטש נישט אַנטפּלעקט האָסטו פאַר מיר דיין נאַקעטקייט.

איך הער דיך אויכעט ווען דו שווייגסט
און ביסט פאַרטאָן אין זיך —
ווי ס'איז פאַרטאָן אַן עמער אין אַ ברונעם.

כ'קען דיך מער ווי זיך אַליין.
עס גיט דיך אויס פאַר מיר
דיין יעדער קער און ריר, דיין יעדער בליק.

פאַר מיר ביסטו אַ בוך,
אַ לידערבוך וואָס כ'לייען אים אויף אויסווייניק.
צו וואָס באַהאַלטסטו זיך פאַר מיר?...

באַפּעל, און — כ׳וועל דערפילן.
זאָג דיין ווילן און — כ׳וועל ווייזן וווּנדער.
ס׳טרעפט אַ ליבע אָט אַזאַ ווי מיין —
אַמאָל אין אַ יאָר־הונדערט.

ס׳קאָן אַ ליבע אָט אַזאַ,
נאָר אויסגעטראַכט, נאָר אויסגעחלומט ווערן,
ווען מ׳איז ווייט פון ערדישן —
ווי ווייט עס זענען פון דער ערד, די שטערן.

„ווערטערס ליידן" זענען קינדיש קליין —
אַנטקעגן מיינע;
אויפצוזינגען דיר מיין אַזראַ־ליבע —
דאַרף מען זיין אַ היינע.

איך — האָב וואַרעמקייט געברענגט איר,
זי — האָט קעלט אויף מיר געווייעט,
און אַ גרויסע, גרויסע ליבע
האָב איך אויפן ווינט געזייעט;

אויפן ווינט — פאַר איר געזונגען
דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען,
נאָר דער שיר השירים מיינער
צו איר האַרץ, איז נישט דערגאַנגען.

גאָרנישט! — האָט זיך אָנגענומען
מיינס — אין פּאַראַדיז אין אירן,
וווּ זי האָט פאַר מיר געהאַלטן
אָפן, טויערן און טירן;

און דורך זיי — אַריינגעלאָזט מיך
טרינקען (נישט פון אַלע קוואַלן...)
און אין סאָד — געלאָזט מיך עסן
פּירות, נאָר פון די, וואָס פאַלן...

אַז מען קאָן אַזוי ליבן ווי איך האָב דיך ליב,
אַז מען קאָן צוליב דיר אַזוי ליידן, ווי איך —
איז מען יונג, ווען אַפילו מען האָט הינטער זיך
דאָס טרוי'ריקע לעבן דאָס שווערע — ווי איך;

איז מען יונג, ווען אַפילו עס זילבערט פון קאָפּ
ווי ביי מיר — דאָס געוועב פון שפּעט־זומער אַראָפּ,
און דער שטערן צעאַקערט איז טיף, ווי אַ פעלד
אונטער וואָלקנס, וואָס הענגען מיט דורכשיין צעהעלט.

אַז מען קאָן אַזוי ליבן, ווי איך האָב דיך ליב,
און ווי איך — פאַר דער ליבע זיך מקריב־צו־זיין —
איז די עלטער, אַ גוט־אויסגעשטאַנענער וויין,
וואָס איז קרעפטיק און שטאַרק, ווי אַ שכרות־געטראַנק,
און דערמאָנט מיט דער פאַרב, אָן אַ זון־אונטערגאַנג.

אַ כוס פאַר איר

אַ כוס פאַר איר, פאַר דער וואָס איז נישטאָ,
און ס׳זעט זי דאָ נישט קיינער — אויסער מיר ;
איך טרינק פון אירע אויגן איצט דאָס בלאָ,
איך טרינק דעם הייסן אָטעם איצט פון איר.

— לחיים דיר, בלאָ־אויגיקע דו מיין !
— לחיים דיר, גאָלד־האָריקע, דו רייץ,
וואָס ציסט צו זיך אין כישוף־ראָד אַריין,
ווי ס׳ציט אַ גאָלד־צעכוואַליעט פעלד מיט ווייץ.

— לחיים ! — הויב איך אויף פאַר דיר דעם כוס,
וואָס אָנגעגאָסן האָב איך ביז צום ראַנד ;
ווען וואָלסט געזען — געוווּסט וואָלסטו פאַרוואָס
עס ציטערט מיר דער כוס אַצינד אין האַנט.

איך טרינק נישט ; דאָס פאַרטרינק איך נאָר אַזוי
דאָס לעבן מיינס אין טרויעריקסטן פאַרלויף ;
כ׳פאַרטרינק איצט אויכעט דיך, מיין זיסע ווי,
וואָס נאָגט און עסט ווי סם דאָס האַרץ מיר אויף.

— לחיים דיר, אומשולדיקע דו מיין,
ביי וועמען כ׳בין נישט מער ווי אַ פּאָעט,
וואָס חלומט וועגן ווייב, געזאַנג און וויין,
און שטילט דעם דורשט און הונגער נישט, צו זעט.

די אַקס פון מיין וועלט

א

ביסט געוואָרן די אַקס פון מיין וועלט,
און אַלץ דרייט זיך ביי מיר, אַרום דיר,
אַלץ באַלייכט איך, מאַך קלאָר זיך און העל —
מיט דיין פאַרביקן ליכט־שעמעריר.

ביסט געוואָרן מיין הימל און ערד,
און דאָס רייך פונעם וווּנדער און סוד,
וואָס אַנטפּלעקט ווערט, און — ווייט נישט דערקלערט —
ווי דאָס פּאָרכטיקע גלויבן אין גאָט.

ביסט געוואָרן מיין בליץ פון געדאַנק,
מיין געפיל, וואָס איז קוועליק און ריין ;
ביסט געוואָרן מיין איינציק געזאַנג,
און מיין לעבן, וואָס האַלט ביים פאַרגיין.

ב

װיפֿל האָב איך װעגן דיר געזונגען און דערציילט,
מיטן צער פֿון ליבן דיך — זיך מיט דער װעלט געטיילט, —
איז נאָך אַלץ נישט גרינגער מיר געװאָרן פֿון דער לאַסט,
פֿון דער ליבע מיינער, װעלכע איז ביי דיר פֿאַרהאַסט,
װייל זי פֿאַלט אויף דיר צו שװער, צו גרויס איז זי פֿאַר דיר,
און זי מאַכט דיך אומזיכער, און אומרואיק מיט מיר.

ג

ווי יעדער און אַלץ וואָס איך האָב ווען געהאַלטן פאַר הייליק, —
אַזוי האָסטו אויכעט אין טרויער אין מיינעם אַ חלק,
אַזוי האָסטו אויכעט אַ טייל אין מיין גרויסער אַנטוישונג, —
אַפילו, ווען כ'זינג און באַזינג דיך אין ליבע־באַרוישונג.

זיי מוחל מיין ביטערן אמת, וואָס שווער איז צו הערן,
וויל ווייטאָגלעך איז ער, וויל טרויעריק איז ער, ביז טרערן,
וואָס איך האָב געזען צוליב אים, אויפגעגאַנגענע שיינען,
ווי שטערן — ביי דיר אין די טיף־בלאָע אויגן אין דיינע.

זיי מוחל, מיין ביטערן אמת — ווי איך בין דיר מוחל,
דיר מוחל דאָס שלעכטס — פאַר אַ וואַרעמען בליק, פאַר אַ שמייכל,
פאַר הערן אַמאָל אַזאַ וואָרט, וואָס דערפרייט, וואָס מאַכט האָפן
און גלויבן, אַז כ'האָב מיט דער פייל פון דער ליבע — געטראָפן.

ד

האַלט מיך פאַרן אָרעם; האַלט מיך פאַר דער האַנט;
ביסט מיין לעצטער אָנהאַלט, ביי דעם שוואַרצן ראַנד;
ביסט די לעצטע טרייסט מיר; ביסט מיין לעצטע שיין,
וואָס באַלייכט די טריט מיר, אויף מיין וועג פון פיין.

„וויאַ דאָלאָראָזאַ" — הייסט מיין שווערער וועג,
איבער וועלכן כ'גיי איצט פון מיין לעצט געשלעג
פאַר אַ ביסל לעבן; פאַר אַ ביסל פרייד;
פאַר אַ ביסל ליבע, וואָס איך דאַרף, ווי ברויט.

ביסט מיין לעצטע ליבע; ביסט מיין לעצט געזאַנג;
ביסט מיין לעצטער אויפפלאַם פון אַן אונטערגאַנג,
ווי אַ זונען־בלוט־שטורץ איבער ברעג און ראַנד.
האַלט מיך פאַרן אָרעם; האַלט מיך פאַר דער האַנט.

ה

וועל איך אויפהערן צו זינגען וועגן דיר —
וועט עס זיין דער טויט פון מיין געזאַנג:
דאָס קינד פון מײַן געפיל און מיין געדאַנק.

וועל איך אויפהערן צו זינגען וועגן דיר —
וועט עס זיין דער טויט פון אַ פּאָעט,
וואָס האָט דורך דיר — געהאַט צו גאָט גערעדט.

דו

א

דו, און דו, אָן אויפהער — דו,
און — לאָזט מיך נישט צו רו
שוין יאָרן לאַנג ;
שוין יאָרן ווי דו וווינסט אין האַרץ ביי מיר,
און לעבסט אין מיין געדאַנק,
וואָס דרייט זיך, קרייזט און פלאַטערט אַרום דיר,
ווי אין אַ קעלט — אַ פרירנדיקע טויב,
וואָס קלאַפּט מיט אירע פליגל אין אַ טיר,
און שלאָגט זיי אָן, אָן אַ פאַרהויכטער שויב.

שוין יאָרן לאַנג אַזוי :
נאָר, דו, און דו,
און לאָזט קיין טאָג מיך נישט,
און לאָזט קיין נאַכט מיך נישט צו רו.

ב

ביסט מיין לעצטער גלויבן, וואָס כ'פֿאַרליר,
און דאָס ליד דאָס דאָזיקע צו דיר —
איז אַוודאי ס'לעצטע, וואָס איך זינג,
ס'לעצטע פֿון אַ ליבע־לידער־רינג.

אפשר ביסטו אומשולדיק־גערעכט,
נאָר עס שטייט איצט אויף אין מיר דיין קנעכט, —
דער, וואָס האָט מיט ליבע דיר געדינט,
און פֿאַר דיר געזונגען אויפֿן ווינט.

ג

אין יענעם טאָג, ווען כ'וועל זיך אָפּרייסן פון דיר,
ווי ס'רייסט זיך אָפּ אַ פרוכט פון בוים, און פאַלט —
אין יענעם טאָג, וועל איך דערזעען זיך,
ווי אין אַ גרויסן אָפּגעברענטן וואַלד,
וואָס איז געשטאַנען אונטער פייער פון אַ שלאַכט,
און איז אַרויס פון אים פאַרקוילט און שוואַרץ,
ווי ס'וואָלט באַפאַלן אים אין מיטן טאָג — די נאַכט.

אין יענעם טאָג, ווען כ'וועל זיך אָפּרייסן פון דיר,
ווי ס'רייסט זיך פונעם ברעג אַ שיפל אָפּ, —
אין יענעם טאָג, וועט מיר פאַרלוירן־גיין
דער לעצטער גלויבן וואָס איך האָב.

ד

איך אָטעם נאָך מיט דיר,
ווי ס׳אָטעמט נאָך אַ פּייער־באַרג, אַ קראַטער,
וואָס האָט אויסגעשפּיגן שוין זיין לאַווע
און ער רויכערט, רויכערט בלויז
אַ מידער און אַ מאַטער,
און ער הויכט פון זיך שוין אויס
דאָס לעצטע ביסל גלי און זשאַר,
און דראָט שוין מער נישט,
דראָט נישט מער, מיט אויפרייס און געפאַר.

ה

עס וועט אַמאָל אַזוי געשען,
אַז אומדערוואַרט און אומגעריכט —
וועל איך פאַר דיר, ווי אויפגיין
אין אַ קיינמאָל נישט געזעען ליכט,
אַ ליכט אַזאַ, ווי פון אַ זונפאַרגאַנג, —
ווען ס׳גוססט, גוססט לאַנג
דער טאָג, וואָס קאָן נישט שטאַרבן,
און ער צינדט דעם אָוונט־הימל־זוים
מיט רויט, ווי בלוט פון אַ צעזעצטן שאַרבן.

וועסטו זען מיך אין אַ ליכט אַזאַ
פון אויפגיין פאַרן אויסגיין און נישט ווערן, —
וועלן זיך אין דיינע הימל־אויגן —
ווי די שטערן — צינדן טרערן
פון אַן איבערלעבונג,
וואָס מאַכט פול מיט טרויער פון באַדויער,
און מיט הייסער תפילה אויף פאַרגעבונג.

ו

שוין לאַנג, שוין זייער לאַנג
ווי ז'איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען
מיט אַ דורשטיק, הייס געזאַנג
און — ס'זענען מיינע אויערן ביז היינט
מיר פול נאָך איר
מיט אָפּהילך פון געשאַל,
און מיט פונאַנדערפאַל
פון קלאַנגען אין אַ וואַלד
ווו אַלץ, וואָס קומט אַריין אין אים — פאַרפאַלט.

קום אַריין

שטייסטו פאַר מיין טיר, טאָ — קום אַריין!
(ס'וועט צו גאָרנישט דיך מתחייב־זיין)
ס'האָבן, פשוט, זיך פאַרבענקט נאָך דיר
אויך די אָפּגעשיילטע ווענט ביי מיר.

ווען זיי וואָלטן רעדן אויך געקאָנט —
וואָלטן זיי געפרעגט ביי מיר, דערמאָנט
יענע נעכט, וואָס וועלן שוין נישט זיין, —
נעכט, מיט דיר באַטרונקען, ווי מיט וויין.

קום אַריין — וועסט זיין אַ ליבער גאַסט —
כאָטש איך האָב פאַר ליבע דיך געהאַסט
פאַרן צער, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט
אין מיין גרויסער ליבע, וואָס פאַרשקלאַפט.

קום אַריין אַ ווייל און כאַפּ אַ קוק.
כ'האָב זיך אויסגעליידיקט, ווי אַ קרוג,
וואָס מען האָט נישט אָנגעפילט שוין לאַנג
מיט קיין פריש און לעבעדיק געטראַנק.

קום אַריין — ס'וועט קיינער דיך נישט זען.
ס'איז נאָך דיר, קיין צווייטע נישט געווען
און זי וועט אַוודאי שוין נישט זיין.
שטיי נישט פאַר דער טיר, נאָר קום אַריין.

אַ בריוו צו פרוי

וואַנזיניק־געליבטע פרוי!
זייט מוחל מיר, וואָס כ׳קום אייך ווידער שטערן אייער רו,
וואָס כ׳קום איצט ווידער זיך אַריינרייסן
אין אייער שטיל און פרידלעך לעבן.

גלויבט, אַז כ׳טו עס נישט ווייל כ׳וויל אַזוי, נאָר מוז, —
ווי ס׳מוז דער ווינט דער אָנגעלאָדענער מיט שטורעם —
רייסן טירן, ברעכן לאָדן און אַריין,
אַריין אַהין, וווּ ס׳איז פאַרמאַכט פאַר ווינט און הינט.

וואָס כ׳וויל פון אייך, איז: הערן מיך, נאָר אויסהערן.
מיר ווילט זיך אַלץ נאָך זאָגן אייך אַזוינס,
וואָס כ׳האָב צוריק מיט יאָרן אָנגעהויבן,
אָנגעהויבן — נישט צום ענדיקן —
ווייל גרויס געווען און גרויס געבליבן
איז צו אייך מײַן ליבע — ווי דער ים,
וואָס וואַרפט פון צייט צו צייט פון זײַנע טיפענישן
ס׳אָפּגרונטיקע ווילד־געוויקס,
און נישט די פערל...

וויפל האָב איך שוין אויף אַלע סקאַלעס טענער
לידער אייך געזונגען,
און צו אייך זיך נישט דערזונגען!

ווייל האָב איך שוין פון נישט דערעדן זיך צו אייך —
דערשעפט פאַר אייך געשוויגן,
מיט דער שווערקייט פון אַ שטיין,
אַ פעלדזנשטיין, וואָס הענגט ווי אויף אַ האָר
און דראָט מיט אָפּריס...

ברעך איך אויס פון צייט צו צייט אַנטקעגן אייך,
רייס־אויף מיט פייער פון אַ פייערבאַרג,
וואָס איז שוין לאַנג ווי אויסגעשפּיגן, טויט,
און הייבט אויפסניי אָן שפּייען גלי און זשאַר.

אַזאַ איז זי געווען צו אייך, מיין ליבע,
און אַזאַ — געבליבן;
יאָרן שוין, ווי זי פאַרפּאָלגט אייך, גייט אייך נאָך
דעם שאָטן־גאַנג פון קנעכט,
וואָס זענען הינטיש טריי,
און קאָנען הינטיש אויסגיין פון געטריישאַפט.

יאָ, כ'בין וואַנזיניק פאַרליבט אין אייך ביז שנאה
פאַר דער גלייכגילט אייערער,
וואָס קומט מיר קאַלט אַנטקעגן,
ווי אַ שווימענדיקער אייזבאַרג.

כ'ווייס פון לאַנג שוין, אַז ס'וועט אַנדערש ווי עס איז — נישט זיין,
אַז כ'וועל פאַר מיין משוגע ליב־האָבן —
מיט אייער חסד — בלייבן אייער הויזפריינד
ביי אַ גלעזל טיי, צי ביי אַ מאָלצייט,
ווי אַן אורח, אָדער ווי אַ ווייטער קרוב...

כ׳ווייס עס, כ׳ווייס, און בין אייך אָפטמאָל דאַנקבאַר,
דאַנקבאַר אויך דערפאַר —
כאָטש אַלץ אין מיר איז אָפטמאָל קעגן אייך —
מיט אייער ליכט און וואַרעמקייט,
וואָס ציט מיך ווי אַ שמעטערלינג, אַריין צו אייך,
און לאָזט מיט אָפּגעזענקטע פליגל מיך אַרויס,
צוריק אַרויס, אין קלעם פון בלינדער נאַכט.

זייט מוחל מיר, אויב כ׳האָב אייך ווײ־געטאָן,
נישט איינמאָל ווײ־געטאָן מיט רייד מיט ביטערע,
ווי מאַנדלען פון אַ ווילדן מאַנדלבוים,
און שטעכיקע, ווי קאַקטוסן,
וואָס גיבן זייער פרוכט — דער אָרעמשאַפט.

זייט מוחל מיר —
כאָטש ס׳פאַלט אויף מיר דער מינדסטער שאָטן נישט
פון זינד, אַנטקעגן אייך;
כאָטש אָפּגעהיטן האָב איך דעם פאַרבאָט
צו רייסן פון דער פרוכט פון אייער סאָד, —
ווי ס׳האָבן זיי געריסן אַנדערע —
געריסן זיי אָן ליבע, אָן פאַרבאָט,
פאַר נישט געצוימטער גלוסטונג.

נאָכאַמאָל — זייט מוחל מיר פאַר זאָגן אייך,
וואָס איר האָט דאָ געהערט אין מיינע שורות,
שורות פון אַ שוואַנענליד פון ליבע,
פון אַ ליבע, וואָס מען ליבט נישט צוויי מאָל,
און דערצו — ווען ס׳זילבערן די האָר שוין...

דאָס איז אַלץ און — ווייט נישט אַלץ,
וואָס כ׳האָב געוואָלט אייך זאָגן, —
אין באַדויער פאַר דער צייט,
וואָס כ׳האָב געלאָזט ביי אייך פאַרלוירנגיין
אין ווערט פון פינפצן פרילינגס גאָלד,
וואָס איר, צעביטן האָט עס מיר אויף בליי...

איך ענדיק שוין.
די זון איז ווייט שוין הינטער מיר.
די פייגל הייבן זיך שוין הויך נישט אויף,
נאָר האַלטן זיך מיט פלאַטערדיקן אומרו
נאָענט פון דער ערד,
און נאָענט פון דער נעסט פון שוץ און רו.

די לעצטע שורות שרייב איך שוין —
מיט אויגן, ווי פאַרלאָפענע מיט בלוט
פון טיפער שקיעה.

אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט אייך! —
וואַנזיניק־געליבטע פרוי.

ווײַן פֿון קעלטער

א

פֿאַראַן אַזאַ מין פֿלאַנץ אַן אײַנגעשפּאַרטע,
וואָס אומזיסט וועסטו זי אויסוואָרצלען, זיך מיען;
פֿון איר מינדסטן איבערבלײַב אין באָדן —
וועט זי אויפֿגײן פֿונדאָסניי און — ווײַטער בליען.

אַזאַ מין פֿלאַנץ איז יענע גרויסע ליבע,
ווי ס'איז מײַנע — אין איר לאַנגן, לאַנגן דויער
מיט איר קינדיש־אײַנגעשפּאַרטער בענקשאַפֿט,
מיט איר גרויסער אויסשטראַלונג פֿון טרויער.

ב

כאָטש די צייט קילט אָפּ,
פאַרווישט אַלץ און פאַרבלאַסט,
און כאָטש איך האָב זי ווען
פאַר ליבע אַזש געהאַסט,
און כאָטש איך האָב פון איר
קיין האָניק נישט — אין מיין געדענקשאַפט —
ליב איך זי נאָך אַלץ
און בין נאָך פול צו איר
מיט יענער גרויסער בענקשאַפט,
וואָס גייט־אויף אין פלאַמען פון באַגערן,
ווי אַ שקיעה, ערב אויסגעלאָשן־ווערן.

ג

איך האָב זי אַלץ נאָך ליב.
איך בין נאָך אַלץ נישט פון איר כישוף־ראָד באַפרייט, —
כאָטש ס'איז איר קאָפּ, איר ליכטיקער, שוין גראָלעך,
ווי פאַרפרישעט מיטן שטויב פון צייט;
כאָטש ס'האָט דער קאָרן־בלומיק־בלאָ אין אירע אויגן
אָפּגעבליאַקעוועט און אָפּגעבליט,
און קוקן, קוקט זי שוין מיט יענער שיינקייט,
וואָס דערמאָנט אָן האַרבסט, דערמאָנט — נאָך שניט;
און כ'האָב זי אַלץ נאָך ליב,
אַפילו אין איר איבעררייפער עלטער,
וואָס זי שמעקט מיט איבעררייפע פּירות
און מיט שטאַרקן, קילן וויין פון קעלטער.

ברונעמס...

ברונעמס, טיפע ברונעמס זענען אירע אויגן,
ברונעמס — פול מיט גראָ און בלאָ פון טיפן דעמער.
אונטן, אויף די גרונטן, נישט אַרויסגעצויגן —
ליגן אָפּגעריסענע פון שטריק, די עמער
און — זיי וואַרטן, וואַרטן אויף דער גרויסער מיונג —
זיי צוריק אַרויסצוציען אָנגעפילטע;
נאָר דערווייל — דערווייל גייט אויס אין לעצטער בליונג —
זי, די שטילע טויב, די דאָרשטיק־נישט־געשטילטע.

אין שפעטן זומער

פייגעלען. ל — — —

א

שפעט־זומער ביי מיר,
שפעט־זומער ביי דיר,
עס זילבערט אויף אונדזערע קעפ
דאָס שפעט־זומער־געוועב
און מיר זענען פאַרשפּינט,
ווי דיביימער, וואָס פיבערן שוין
פאַרן האַרבסטיקן ווינט...

שפעט־זומער ביי אונדז
און — נישט היימלעך — דער וועג
איבער וועלכן עס ווערן שוין קירצער די טעג,
און די נעכט איבער אים, ציען לענגער זיך אויס,
האַלטן לענגער דאָס חשבון ביי זיך אין דער שויס,
און — נישט פריילעך אויף אים, איז אין ליכט פון פאַרגאַנג —
גיין אַליין, ווי מיר גייען דעם איינזאַמען גאַנג.

ב

מיר האָבן זיך אין שפּעטן האַרבסט געפונען.
(האָבן מיר זיך ווען עס איז געזוכט ?).
אויף אונדזער קרקע־בתולה וועט קיין פּרוכטבוים
זיך נישט אָננעמען, נישט געבן אונדז קיין פּרוכט...

נאָר ס׳זענען ביימער אַנדערע פאַראַנען,
נאָך גן־עדן־ביימער אַלערליי,
פאַראַן אַ בוים וואָס בליט אַפילו ווינטער
ווען עס ליגט אויף אים ווי פּוך דער שניי.

איז לאָמיר אָט אַ בוים אַזאַ פאַרפלאַנצן —
וועט ער נישט דערמאָנען דעם פאַרגאַנג.
עס וועלן פייגל נעסטן אויף אים בויען
און צו אונדז — אַריינטראָגן געזאַנג.

ג

דו — אַליין,
איך — אַליין,
און עס האַלט שוין די זון איבער אונדז אין פֿאַרגיין —
זאָל דער זעלביקער גורל צונויפֿפֿירן אונדז,
צונויפֿברענגען אונדז ווי אַ שטיין מיט אַ שטיין —
וועט אונדז היימלעכער זיין,
וועט אונדז וואַרעמער זיין
און גוט, ווי פֿון גוט־אויסגעשטאַנענעם וויין.

ד

זי איז שוין נישט יונג, אָבער שיין נאָך גענוג —
אויף צו גלוסטן צו איר.
אויך די אויגן ביי איר זענען שיין נאָך און קלוג,
און פול מיט פּאַרפיר.

נישט איין מאָל וואַקסט אויס איר נישט גרויסער געשטעל
און זי ווערט אַזוי שיין,
אַזוי אויפגייענדיק, אַזוי אויפפלאַמיק העל,
ווי די זון ביים פאַרגיין...

דער טויט פון מײַן יונגסטן ליד

געשטאָרבן שוין בײַ מיר דאָס יונגסטע ליד:
דאָס ליבעליד; ס׳געזאַנג פון די געזאַנגען,
מיט וואָס איך בין מיט אבל׳דיקע טריט,
דאָס לעבן מײַנס, האַלב־וועגס שוין דורכגעגאַנגען.

דאָס יונגסטע ליד — דעם דיכטערס יונגסטע קינד,
וואָס פול איז עס מיט רוישיק, זידיק לעבן,
און פול מיט אומשולד אויכעט אין דער זינד,
וואָס מוז געהייליקט־ווערן און פאַרגעבן.

געשטאָרבן שוין בײַ מיר דאָס יונגסטע ליד.
ס׳איז לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען בנשיקה,
נאָר כ׳טראָג זיך נאָך אין האַרץ אַרום דערמיט,
ווי מיט אַן אייגן קינד אַ טויטס — בשתיקה.

אינהאַלט:

א

ווי אַ פאַרוווּנדעטער	11
ווען כ׳עפן	12
דיין הויז	13
כ׳קאָן דיין גאָרטן־טירל	14
דאָס שיפל	15
אין האַלבער אַכט	16
איך וואָלט	17
מיין וועג צו דיר	18
כ׳האָב ס׳לשון פאַרלוירן	19
אַלץ וואָס דערמאָנט	20
כ׳האָב היינט אין גאַס	21
ס׳ציט צו דיר	22
ס׳איז ליידיק געוואָרן	23
צי דו ווילסט	24
ווייזט אויס	25
ביסט דורך	26
ווייל כ׳טראַכט פון דיר	27
וואָס ס׳איז געווען	28
האָסט פלוצעם	29
וויפל וואַסערן	30

ב

צו אַ מיידל	33
זי...	34
אויפגעוועקט	35

אין אַ נאַכט אַזאַ 36
אַ הימען 37
צו איינער מיט דורשטיקע אויגן 39
פּאָרטרעט פון אַ מיידל 40
כ׳וואָלט וועלן... 41
צו אַ פינפצן־יעריקער 42
ווער... 43
מיר האָט זיך געחלומט... 44
אויפגעהערט 45
ראָמאַנס 46
אירע אויגן 47
דיין גאָרטן א. 48
ב. 49
ג. 50
אין דיינע פיס־טריט 51
ביי דיר אין סאָד 52
וואָלסט... 53
אין אַש פון ליבע 54
די נאַכט אַליין 55
כ׳האָב זיך... 56
פרעליוד 57
צו איינער מיט גראָע האָר, א. 58
ב. 59
ג. 60
אויב 61
ווייל... 62
צום שיידוועג 63
לזכרון 64

צו איינער אַ פרוי, א. 65
ב. 66
ג. 67
צו... א. 68
ב. 69
ג. 70
ד. 71
ה. 72
ו. 73
איך נעם דיך מיט 74
דיין ליכט 75
דער באַרוועסער שיינקייט 76

ג
געזאַנג צו מיין ליכטיקן שאָטן

עס שלאָגט פון איר 79
ביסט די זון 80
מיין ליבע צו דיר 81
ביסט מיין ליכטיקער שאָטן 82
צו פאַרשפּאָרן 83
עס ברעכט מיך 84
בלייב נאָך אַ ביסל 85
פונעם בלויזן געדאַנק 86
טו אָפּ פון מיר 87
ס'איז מיין פייער פון ליבע 88
יאָ, פאַרכישופט 89
האָסט אונטערגעצונדן 90
פאַרביק 91
ס'האָט פאַרפלייצט מיך 93

זינג עפּעס 94
צו וואָס 95
באַפעל 96
איך 97
אַז מען קאָן 98
אַ כוס פאַר איר 99
די אַקס פון מיין וועלט, א. 100
ב. 101
ג. 102
ד. 103
ה. 104
דו... א. 105
ב. 106
ג. 107
ד. 108
ה. 109
ו. 110
קום אַריין 111
אַ בריוו פון אַ פרוי 112
וויין פון קעלטער, א. 116
ב. 117
ג. 118
ברונעמס... 119
אין שפעטן זומער, א. 120
ב. 121
ג. 122
ד. 123
דער טויט פון מיין יונגסטן ליד 124